בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס
**ס"ג**
**ואתחנן (נחמו), ה'תש"פ**

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

# תוכן השיעור


לבך תשית לדעתי
מיין "מענדאל"!
כולא במחשבה אתברירו
ולדבקה בו - ר' נתן לייב'לע ראובן'ס
ולא יבושו לעולם
למען תהיה יראתו על פניכם
בקנאו את קנאתי
אי מן חייא - אנא הוא...
דאשוב'ער זשלאבעס...
וקרח בלילה...
תבר גזיזי דברדא
ומאריות גברו... - ר' ברוך געצע'ס
נישט אפגעלאזט די האנט
ווי נעמט מען כאטש אזא מין רייסן זיך
כאשר אבדתי אבדתי
געווען ביי זיך א שטיק בלאטע
לבר נטלין ולא עאלין הנך כלבין דחציפין...
אי זכאי גמירתא מרבך
רבי שמואל הורביץ ז"ל
"אנשי אמת"
לאחוז עצמו בשורשי נשמות ישראל
להקטין את עצמו לפני קטנים ממנו
רק תחזיקו עצמם יחד
'רחימין דנפשאי'
כבוד אלקים הסתר דבר
ר' משה גראהמאן ז"ל
טובה הארץ מאוד מאוד
לסתום עיניו מחיזו דהאי עלמא
אשר אין חליפות למו


להאזנה אל כל השיחות שי"ל על ידינו

**079-5281887**

ארה"ב: **1-646-585-2960** ואח"כ להקיש את המס' הנ"ל

אירופה: **033-03900485** ואח"כ להקיש את המס' הנ"ל

**לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש 2 ואח"כ 63**


©

כל הזכויות שמורות



**הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל:**

יוסף מענדל האס, מאנסי ארה"ב

**1-845-200-0443** (מארה"ק: **072-257-3456**)


לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (**MP3**) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:

**Rlyb148@gmail.com**

כמו כן ניתן לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של $15 עבור הוצאות עריכת הקונטרסים, נא לפנות אל מס' **347-232-7166 (+1)**

בס"ד

# פרשת מקץ, שנת תשל"ה

(טייפ מס' 63#)

## לבך תשית לדעתי

מען האט פריער גערעדט פון 'הארץ', א 'הארציגער איד' איז גאר עפעס אנדערש, ס'איז דא א פסוק "לבך תשית לדעתי",[א] דער עיקר איז דאס 'הארץ', דאס איז דער עיקר פארמעגן פון א אידן, דאס הארץ דארף מען אפהיטן.

(ר' נחמן בורשטיין ז"ל: דער רבי זאגט "תנו לבבכם לי" וכו').[ב]

אז מען היט אפ דאס הארץ, האט מען אביסעלע 'יראת שמים', האט מען דאך שוין אלעס,[ג] 'יראת השם', און 'יראה' איז דאך 'בלב'!

מעלה זיין די 'יראה לשורשה' - זאגט דער רבי[ד] - איז מכבד זיין 'יראי השם', און עס זאל זיין 'בלב', מיטן גאנצן הארצן.

זאגט דער רבי דארטן, אז מען איז 'מכבד יראי השם בלב' דאס איז דעם אויבערשטנ'ס כבוד, אז מען זאל מכבד זיין די 'יראי השם', נאר ס'זאל זיין 'בלב'.

❖

[א] משלי כ"ב י"ז.

[ב] עי' חיי מוהר"ן אות נ"ט, ובהשתפכות הנפש בהקדמה, ועי' השיחה בשלימותה מתוך חיי מוהר"ן בכת"י מורנו רבי נפתלי, מועתק בשיש"ק הנדמ"ח חלק ג' אות תט"ז: ענה ואמר רבנו זצ"ל, **"תנו לבבכם לי, ואני אנהוג אתכם בדרך הישר, בדרך הישן מכבר אשר התחיל מן אברהם אבינו עליו השלום, ומשה רבנו עליו השלום נתן על זה את התורה"**.

[ג] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' קפ"ה: **וְעִקַּר הַשְּׁלֵמוּת הִיא הַיִּרְאָה.**

[ד] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' י"ד: לְהַמְשִׁיךְ שָׁלוֹם בָּעוֹלָם, צָרִיךְ לְהַעֲלוֹת כְּבוֹד הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא לְשָׁרְשׁוֹ, הַיְנוּ לַיִּרְאָה ... **וְכָל אֶחָד לְפִי בְּחִינָתוֹ יָכוֹל לֵידַע הַעֲלָאַת הַכָּבוֹד לְשֹׁרֶשׁ הַיִּרְאָה; לְפִי הַכָּבוֹד שֶׁמְּכַבֵּד אֶת יִרְאֵי־הַשֵּׁם** ... וְעִקַּר הַדָּבָר שֶׁיְּכַבֵּד יִרְאֵי־הַשֵּׁם בְּלֵב שָׁלֵם, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ ז"ל: 'דָּבָר הַמָּסוּר לַלֵּב, נֶאֱמַר בּוֹ וְיָרֵאתָ מֵאֱלֹקֶיךָ', וְשָׁם עִקַּר הַכָּבוֹד, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "בִּשְׂפָתָיו כִּבְּדוּנִי וְלִבּוֹ רִחַק מִמֶּנִּי".

זעהט מען א ענין פון 'בלב', וואס איז א חילוק, א איד - ער דאווענט מיט 'הארץ', 'עבודה שבלב'! "ולעבדו בכל לבבכם, **איזהו עבודה שבלב - זה תפילה**",[ה] 'עבודה' איז דאך ארבעט, וואס פאר א ארבעט איז דא אין הארץ? א מענטש ארבעט דען מיט די הארץ?! ער ארבעט מיט די 'הענט', מיט די 'פיס', 'תפילה' איז 'עבודה שבלב', ער ארבעט מיטן 'הארץ'!

איז דאך דער עיקר נאר דאס 'הארץ', 'עבודה שבלב' איז נאר 'תפילה', דער עיקר איז נאר דאס 'הארץ'.

דארף מען אסאך בעטן דעם אויבערשטן: "רבונו של עולם, בשעת איך דאוון, זאל מיין 'הארץ' דאווענען צו דיר!", אסאך בעטן, געוואלד, דער עיקר עבודה זאל זיין 'בלב'.

"ולבו רחק ממני" - זאגט דער אויבערשטער, "בשפתיו כבדוני"[ו] - איז אויך גוט, אבער "ולבו רחק", דער אויבערשטער וויל דאך מיט 'הארץ', דאס 'הארץ' זאל זיין, דאס איז געווען דער עיקר דעם רבי'נס זאך!

❖

# מיין "מענדאל"!

די מעשה פון "ר' מענדל מִכְּפַר", ער האט געדאווענט אזוי, און א שריפה איז געווען דארטן, אין די קרעטשמע האט זיך גענומען ברענען, מען איז געקומען ראטעווען, און ער איז געבליבן דאווענען - דאכט זיך 'מנחה', "ער האט געדאווענט", מען איז געקומען צו אים - און ער דאוונט! מען האט אים אנגענומען, מען האט אים ארויסגעטראגן אביסל ווייט פון די שריפה, און ער האט נישט מרגיש געווען גארנישט! ער האט ווייטער געדאווענט!![ז]

---

[ה] עי' מס' תענית דף ב' ע"א.

[ו] ישעי' כ"ט י"ג, עי' ליקוטי מוהר"ן תו' מ"ט אות ב': וְזֶה בְּחִינַת: "וּלְעָבְדוֹ בְּכָל לְבַבְכֶם", 'אֵיזֶהוּ עֲבוֹדָה שֶׁבַּלֵּב זֶה תְּפִלָּה' ... וְעִקַּר הַתְּפִלָּה תָּלוּי בַּלֵּב, שֶׁיָּשִׂים כָּל לִבּוֹ עָלֶיהָ. שֶׁלֹּא יִהְיֶה בִּבְחִינַת: "בִּשְׂפָתָם כִּבְּדוּנִי וְלִבָּם רִחַק מִמֶּנִּי".

[ז] עי' כוכבי אור - אנשי מוהר"ן אות כ"ח.

א 'דארף' - א 'שריפה', דער גאנצער דארף קומט ארויס, מען שרייט, ס'טוהט זיך, ס'קאכט זיך, און ער האט גארנישט געפילט אז ס'איז א שריפה!

מען האט אים שוין אנגענומען, מען האט אים שוין אוועקגעפירט, און ער דאוונט, מיט אזא דביקות געדאוונט![ח]

דער רבי האט געזאגט אויף דעם ר' מענדל: "דאס איז מיין מענדאל!" 'מענדל' מלשון 'מענדאל'... א קיסר גיט דארטן א 'מענדאל' (מֶדַלְיָה), "דאס איז מיין מענדאל!"

וואו האט מען געזעהן אזעלכע דאווענער'ס?! דאווענערס!

❖

# כולא במחשבה אתבירו

- - - "**מען איז געלאפן, געלאפן, א יונגערמאן דאוונט!**" - (כך סיפר רבינו, שראה מראה בעולם העליון), **האט געזאגט דער רבי - "בין איך אויך געלאפן, האב איך געזעהן ס'איז טאקע מיין 'נפתלי'!".**

(רנ"ב: אין אבני"ה ברזל שטייט נישט דער ווארט 'טאקע', דאס איז טאקע מיין נפתלי), **'טאקע' איז** אן אוקריייניש לשון - 'אזוי איז עס', ס'איז 'טאקע', ס'איז 'ריכטיג' - "עס איז מיין נפתלי"! **"מען איז געלאפן, א יונגערמאן דאוונט! בין איך אויך געלאפן, האב איך געזעהן ס'איז טאקע מיין נפתלי!".**

❖

**אן אנדער ווארט איז דא, ר' נפתלי האט געזאגט: "איך האב מורא צו טראכטן עפעס א זאך, כ'וועל קומען צום רבי'ן - וועט דער רבי זאגן: "נפתלי? וואס האסטו געטראכט"?!".**

---

[ח] עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ק"ג: ... **כִּי צָרִיךְ כָּל אָדָם בִּשְׁעַת תְּפִלָּתוֹ, שֶׁיְּצַיֵּר בְּדַעְתּוֹ, שֶׁאֵין שָׁם אֶלָּא אֲנִי וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ לְבַד.** וּבְמַאֲמַר אַבָּא שָׁאוּל וְכוּ' פַּעַם אַחַת רַצְתִּי אַחַר צְבִי וְכוּ' (בְּסִימָן נה), שָׁם מְבאָר **בִּטּוּל גָּדוֹל יוֹתֵר בִּשְׁעַת הַתְּפִלָּה, שֶׁמְּחֻיָּב הָאָדָם לְבַטֵּל עַצְמוֹ כָּל־כָּךְ בִּשְׁעַת הַתְּפִלָּה, עַד שֶׁלֹּא יַרְגִּישׁ אֲפִלּוּ אֶת עַצְמוֹ כְּלָל בִּשְׁעַת תְּפִלָּתוֹ, רַק אֶת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ לְבַדּוֹ...**

איי, דאס איז דער 'עיקר איד', "כולה במחשבה אתבּרירו" שטייט אין זוהר הקדוש,[ט] אלעס ווערט - דער גאנצער בירור ווערט 'נאר אין די מחשבה'!

דער אויבערשטער העלפט אים, ער טראכט נאר פון דעם אויבערשטן, איז ער גאר אויף אן אנדער ארט, ער געפינט זיך גאר אויף אן אנדער ארט, ער איז גארנישט אויף דעם ארט, 'כולה במחשבה אתבּרירו', אינגאנצן דער מענטש איז נאר די מחשבה!

היינט (בעולם הזה) זיצט מען דא איינער לעבן דעם אנדערן, וואס איינער האט שענער די מחשבה איז ער נענטער צום אויבערשטן, און דא קען איך גארנישט דערקענען, מען זיצט דאך אלע צוזאמען!

א "נחל נובע מקור 'חכמה'!",[י] 'מקור חכמה', אינעם כח פונעם רבי'ן, די 'ספרים' מיט די 'עצות', קען מען זוכה זיין צו האבן ריינע מחשבות, א ריינער מח, און דאס איז דער עיקר, דאס איז דער עיקר.

ס'קען זיין ממש - איינער פון רבי'נס מענטשן זאל זיין העכער ווי די גרעסטע, ער האט א שענערער 'מח'!

די מח איז ביי אים מער אפגעהיטן, ער דאוונט מיט מער מח, לערנט מיט מער מח, ער חלום'ט זיך - (חלומות טהורים).

איך האב געהערט דערציילן פונעם קאמעניצער ראש ישיבה "ר' ברוך בער", איינער האט זיך געשפארט מיט אים אין א 'תוספות', האט ער געזאגט: "דו שפארסט זיך מיט מיר? איך בין פארשלאפן געווארן מיט דעם רעיון, האט זיך מיר געחלום'ט דער פשט!", מיט דעם פשט זאלסטו זיך נישט שפארן! דאס הייסט ס'איז אמת, אה, איך האב געחלום'ט דער רעיון!

דער אויבערשטער העלפט אז מען שלאפט און - (מ'האט גוטע מחשבות), ס'גייט אין קייטעלע...[יא]

---

[ט] עי' זוה"ק פרשת פקודי דף רנ"ד ע"ב, מובא בליקו"מ כמה פעמים, עי' תו' רי"א.

[י] עי' חיי מוהר"ן אות קפ"ט, עפ"י משלי י"ח ד'.

[יא] עי' ליקוטי תפלות, תפלה ק"נ: וְעָזְרֵנִי בְּרַחֲמֶיךָ, שֶׁתְּהֵא דְבוּקָה מַחֲשַׁבְתִּי בְּתוֹרָתְךָ תָּמִיד בְּקֶשֶׁר אַמִּיץ וְחָזָק ... עַד שֶׁאֲפִלּוּ בִּשְׁעַת שֵׁנָה יִהְיוּ עוֹבְרִים עָלַי בַּחֲלוֹם, מַחֲשָׁבוֹת שֶׁל חִדּוּשֵׁי תוֹרָה אֲמִתִּיִּים, עַד שֶׁאֶזְכֶּה עַל־יְדֵי־זֶה לְגָרֵשׁ וּלְבַטֵּל מִמֶּנִּי כָּל הַמַּחֲשָׁבוֹת רָעוֹת וְכָל הָרַעְיוֹנִים וְהִרְהוּרִים רָעִים, וְכָל מִינֵי שִׁגָּעוֹן וְרוּחַ שְׁטוּת שֶׁנִּדְבְּקוּ בְּלִבִּי

❖

# ולדבקה בו - ר' נתן לייב'לע ראובן'ס

ער האט דערציילט - "ר' הערץ",[יב] ר' אברהם'ס פאטער - ער איז געווען אין ארץ ישראל, אז ער איז געווען אין 'טבריא', איז געזעצן דעמאלט "ר' נתן לייבעלע ראובן'ס",[יג] ער איז געקומען אזוי, ער האט נישט געוואוסט ווער איז דא, ער איז געזעצן אינדרויסן מיטן טלית קטן, ס'איז געווען הייס, געזעצן פאר'מח'ט, פאר'דבקות'ט.

"ר' הערץ" איז געווען א הויכער סארט מענטש, ער איז געקומען (צוריק לאוקריינא), האט ער דערציילט אז ער האט געטראפן זיצן "ר' נתן לייבעלע ראובן'ס" אינדרויסן פאר'מח'ט, פאר'דבקות'ט.

(ר' משה בינענשטאק: ער האט גארנישט גערעדט מיט אים שפעטער?) יא, מען רעדט דאך בשעת ער איז אנגעקומען, איז ער געזעצן אינדרויסן מיטן טלית קטן, געזעצן פאר'מח'ט, האט ער דערציילט ווי אזוי ער האט אים געטראפן זיצן פאר'מח'ט, פאר'דבקות'ט צום אויבערשטן.

דאס איז דער עיקר 'שבח', דער אויבערשטער העלפט, 'ולדבקה בו', 'ולדבקה בו'.

דאס איז אזא מין זאך, דאס רייניגט, דאס דביקות צום אויבערשטן - דאס רייניגט, דאס הייסט אן 'איש כשר', א 'ענין אחר לגמרי'.[יד]

❖

---

וְדַעְתִּי... ושם חלק ב' תפלה ה': וּתְזַכֵּנִי לְקַדֵּשׁ וּלְטַהֵר הַכֹּחַ הַמְדַמֶּה שֶׁלִּי, וְיִהְיֶה נִכְלָל הַכֹּחַ הַמְדַמֶּה בְּכֹחַ הַשֵּׂכֶל דִּקְדֻשָּׁה, עַד שֶׁגַּם בְּעֵת הִסְתַּלְּקוּת הַמֹּחִין בִּשְׁעַת הַשֵּׁנָה, יִהְיֶה הַכֹּחַ הַמְדַמֶּה וְהָרְשִׁימוֹת שֶׁל הַמֹּחִין בִּקְדֻשָּׁה גְּדוֹלָה ... עַד שֶׁאֶזְכֶּה לַחֲלוֹם עַל־יְדֵי מַלְאָךְ, לַחֲלוֹמוֹת מְיֻשָּׁבִים, לַחֲלוֹמוֹת טוֹבִים וִישָׁרִים בִּקְדֻשָּׁה וּבְטָהֳרָה גְּדוֹלָה כִּרְצוֹנְךָ הַטּוֹב...

[יב] רבי נפתלי הירץ שטערנהארץ, בנו של ר' שכנא בן מוהרנ"ת ז"ל, וחתנו של ר' נחמן הרב מטשעהרין ז"ל, ואביו של רבי אברהם סופר-שטערנהארץ ז"ל.

[יג] ר' נתן ב"ר יהודה (ר' לייבלי ראובנ'ס) מח"ס קונטרס הצירופים, נתיב צדיק. מגדולי תלמידי מוהרנ"ת ז"ל, עלה לא"י והתיישב בטבריא.

[יד] עי' שיחות הר"ן אות י"ד.

# ולא יבושו לעולם

וואס די 'בושה' וועט זיין דארט, לעתיד - איינער וועט זיך שעמען פארן אנדערן,[טו] וואס וועט זיין די 'בושה'? דאס וועט זיין די בושה - וואס ער האט א שענערער מח, א שענערע הארץ!

צוויי חברים צוזאמען, דארטן איז דאך א אמת'ע וועלט, דארטן דארף מען דאך נישט איינער זאל אים לייקענען, 'יא - ניין', דער אמת שיינט דאך דארטן אזוי, ס'קומען ביידע (חברים), אוי אוי אוי, ביידע צוזאמען געזעצן ביי איין רבי'ן, און ביי איין טיש, און אין איין שול, ער האט שיינע 'מוחין' און איך האב נישט! וועט זיין א בושה דארטן, אזא מין בושה, איינער וועט זיך שעמען פארן אנדערן, און וואס קען ער טוהן?! טאקע 'בושה' 'בושה'!

❖

"ר' אברהם ר' נחמן'ס" פלעגט רעדן אויף די תורה פון 'קרא את יהושע',[טז] פלעגט ער רעדן - אז דער ענין פון 'בושה' וואס דער רבי רעדט דארטן, אז 'דארטן' איז 'כסדר בושה' - לעתיד, ווייל יעדערער שעמט זיך פארן אויבערשטן, מען שעמט זיך דארטן כסדר, האט מען כסדר בושה!

ער וועט לעבן טויזנטער יארן - ער איז דאך שוין א נפטר טויזנטער יאר, די וועלט שטייט דאך שוין באלד זעקס טויזנט יאר, איז ער דאך א נפטר פון פינעף טויזנט יאר - ווערט נישט נפסק די בושה פון אויבערשטן!

פארוואס? ווייל דער אויבערשטער איז דאך אן 'אור אין סוף', דארף מען אלעמאל משיג זיין מערער, און 'דער איז נענטער' - 'דער איז נענטער', איז דארט 'כסדר' א בושה!

---

[טו] עי' ליקוטי מוהר"ן סוף תו' כ"ב: וְכֵן לֶעָתִיד לָבוֹא צַעַר הַבּוּשָׁה גָּדוֹל מְאֹד, וַאֲפִלּוּ כָּל צַדִּיק נִכְוֶה מֵחֻפָּתוֹ שֶׁל חֲבֵרוֹ, אוֹי לְאוֹתָהּ בּוּשָׁה, אוֹי לְאוֹתָהּ כְּלִמָּה ... מִכָּל שֶׁכֵּן אֵיךְ יִתְבַּיְּשׁוּ הַחוֹטְאִים רח"ל...

[טז] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' ו' אות ב': וְעִקַּר הַתְּשׁוּבָה - כְּשֶׁיִּשְׁמַע בִּזְיוֹנוֹ, יִדֹּם וְיִשְׁתֹּק... ועי' ביאור הליקוטים שם: ואולם כפי ביאור מורנ"ת ז"ל בדבריו הקדושים, תבין מרחוק שזה דבר הכתוב והתוודו את עוונם, וכן חיוב הווידוי ביום התשובה והכפורים, כי כל פירוש הוידוי הוא שהאדם יבזה ויחרף את עצמו, ויבוש ויתבייש לפני השם יתברך בהתוודותו חטאתי עויתי וכו', עד שבאמת יהיה נשפך דמו בקרבו...

קומט דאך אוים ס'איז גאר א 'צער' גאר, איז וואספארא 'תענוג' איז דאס?! דאס איז א 'תענוג'? אז מען האט כסדר 'בושה' קומט דאך אוים גאר א 'צער'?!

נאר די 'בושה' דאס איז דער 'עיקר תענוג'! ווייל אזוי איז דער שטייגער - א מענטש וואס ער ווערט 'גרעסער' שעמט ער זיך 'מערער'! ס'איז 'בושה' - און ס'איז א 'תענוג'![יז]

דא (בעולם הזה) - אז מען שעמט זיך פאר יענעם איז עס א 'צער', 'דארטן' אז מען שעמט זיך פאר יענעם איז עס פארט 'תענוג' - און פארט 'בושה'!

"איך וויים - מען וועט זיך שעמען פאר די עלטערן, מען וועט זיך שעמען פאר מיינע רבי'ס, פאר מיינע חברים, פאר אלע וועט מען זיך שעמען".

(רנ"ב: ס'איז דא אין די 'מראה' וואס די רבי האט דערציילט פרייטאג צו נאכט'ס) **יא יא.**[יח]

❖

---

[יז] עי' ביאור הליקוטים סי' כ"א הודעה ו': יש לבאר בכוונתו הקדושה, שהעונש בעצמו נהפך לתיקון כהתהפכות החסרון להתמלאות עונג הדעת הנזכר בהודעה ד', ושלפי זה יש לבאר גם ענין הכויה הנזכרת במאמר כל צדיק נכוה וכו' ... שהוא העונג שבלב כמוב"פ. עיי"ש.

ושם במפתח י"ט: ... יש להתפלא מאד גם בלא זה בגוף המאמר חז"ל אשר אמרו שכל צדיק נכוה וכו' ואוי לאותה בושה כו', אם כן יבושו עמי לעולם ח"ו, כי הלא כל מה שיעלה התחתון וישיג יותר יעלה הגבוה מאתו עוד יותר, ובהכתוב המוב"פ כפול ומבואר שלא יבושו עמי וכו'?! אבל הנראה לפי עניות דעתי לישב בכל זה כפי המבואר מדבריו הקדושים ... שזה גם אחדות העזות והבושת דקדושה המובן בפנים, שבאמת ובשלימות התיקון יתאחדו ואל יתפרדו ... על ידי צער בושת הפגם והעון הזה בעצמו יחזרו ויעלו ויוכללו ויתאחדו בו כנ"ל עד שלא יבושו עמי לעולם ... ודוק היטב כי אי אפשר להאריך בדברים נעלמים כאלה. עיי"ש באריכות.

וכזה מבואר גם בפרפראות לחכמה סי' ו' אות י"ט: ובזה פירשנו מאמרם ז"ל, כל צדיק נכוה מחופתו של חבירו אוי לאותו בושה וכו' ... שבמאמר זה יש לדקדק ... אם כן זה יהיה עונג עולם הבא שכל אחד יתבייש בפני חבירו?! אך יש לפרש הענין ... שעל ידי שכל צדיק נכוה וכו' שעל ידי זה מתבייש מאוד כי אוי לאותו בושה, על ידי זה בעצמו יעלה ויתחבר גם אל מדרגה העליונה, וכן הענין גם כן במאמר פני משה כפני חמה פני יהושע כפני לבנה זקנים שבדור, שהיו רוצים ונכספים לקבל אור נקודה העליונה בעצמה שהיא בחינת פני חמה, על כן אמרו אוי לאותו בושה וכו', על ידי זה בעצמו זכו לקבל אור נקודה העליונה כנ"ל...

[יח] עי' סיפור הדברים בקונטרס טעם זקנים י"ד - פרשת נשא תשל"ד, והוא הוא ה'מראה' המבוארת בחיי מוהר"ן - סיפורים חדשים, אות צ"א, וז"ל שם: ... עָנָה וְאָמַר, הַאַתָּה תַּעֲשֶׂה כָּזֹאת, וְאֵיךְ אֵין אַתָּה מִתְבַּיֵּשׁ בִּפְנֵי אֲבוֹתֶיךָ ... וְאֵיךְ אֵין אַתָּה מִתְבַּיֵּשׁ מִתּוֹרַת מֹשֶׁה וּמֵהָאָבוֹת הַקְּדוֹשִׁים אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב וְכוּ' ... עיי"ש.

ס'איז אויך א ענין פון 'אהבת חברים', מען דארף האבן 'אהבת חברים', אבער דער אמת איז דאך אז דער 'חבר' איז דאך נישט גלייך איינער צום אנדערן, ס'איז טאקע 'חברים', אבער איינער איז נישט גלייך צום אנדערן, און איין חבר דארף דאך האלטן אז יענער איז שענער פאר אים (במעשים טובים וכו'), איז דאך טאקע דארף ער האבן א 'בושה' פאר יענעם!

דאס איז אויך א ענין 'אהבת חברים', מען דארף האבן 'בושה' פאר יענעם, "מתי וועל איך האבן די נקודה וואס יענער האט אין זיך?!".[יט]

❖

# למען תהיה יראתו על פניכם

אזוי ווי קענגן דעם 'אויבערשטן', "למען תהיה יראתו על פניכם לבלתי תחטאו" - זאגט די גמרא "זו הבושה",[כ] די 'יראה על פניו' דאס איז די 'בושה', מען שעמט זיך!

דער רבי זאגט אין תורה ל"ח:[כא] א סימן אז ער איז דבוק אינעם אויבערשטן איז 'תפילין', זאגט דער רבי ווייטער אין אנדערן בלעטל:[כב] וואס איז 'תפילין'? 'תפילין' איז 'בושה'! א מענטש אז ער גייט ארום אין א 'בושה' איז א סימן אז ער איז דבוק אינעם אויבערשטן!

---

[יט] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' ל"ד, וז"ל בליקוטי תפלות שם: וְנִזְכֶּה שֶׁיִּהְיֶה אַהֲבָה וְשָׁלוֹם גָּדוֹל בֵּין כָּל יִשְׂרָאֵל עַמֶּךָ, וְכָל אֶחָד וְאֶחָד יְדַבֵּר עִם חֲבֵרוֹ בְּיִרְאַת שָׁמַיִם, עַד שֶׁכֻּלָּנוּ עַמְּךָ בֵּית יִשְׂרָאֵל, נִהְיֶה נִכְלָלִים זֶה בָּזֶה בְּאַהֲבָה וְאַחֲוָה וְרֵעוּת, וְכָל אֶחָד יְקַבֵּל מֵחֲבֵרוֹ הִתְעוֹרְרוּת לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מִנְּקֻדָּה הַקְּדוֹשָׁה שֶׁיֵּשׁ בַּחֲבֵרוֹ יוֹתֵר מִמֶּנּוּ, וּנְקַבֵּל זֶה מִזֶּה וּנְעוֹרֵר זֶה אֶת זֶה לַעֲבוֹדָתְךָ וּלְתוֹרָתְךָ בֶּאֱמֶת לַאֲמִתּוֹ.

[כ] עי' מס' נדרים דף כ' ע"א.

[כא] עי' שם אות א': כִּי צָרִיךְ כָּל אָדָם לְפַשְׁפֵּשׁ אֶת עַצְמוֹ בְּכָל עֵת אִם הוּא דָּבוּק בְּהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְהַסִּימָן שֶׁל דְּבֵקוּת **הוּא תְּפִלִּין**.

[כב] עי' שם אות ה': ... וּכְשֶׁמְּדַבֵּר בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ דִּבְרֵי אֱמֶת שֶׁבְּלִבּוֹ בְּהִתְעוֹרְרוּת בִּתְשׁוּבָה, וְרוֹאֶה פְּחִיתוּתָיו וּגְדֻלַּת הַבּוֹרֵא, כִּי עַד עַכְשָׁו הִשְׁלִיךְ חַטֹּאתָיו אַחַר כְּתֵפָיו וְלֹא עִיֵּן בָּהֶם, וְעַכְשָׁו **כְּשֶׁיּוֹדֵעַ אוֹתָם, אֲזַי נִכְנָס בּוֹ בּוּשָׁה גְּדוֹלָה עַל גֹּדֶל פְּשָׁעָיו**, כְּנֶגֶד רַב וְשַׁלִּיט עִקָּרָא וְשָׁרְשָׁא דְּכָל עָלְמִין ... **וְהַבּוּשָׁה הַזֹּאת הוּא בְּחִינַת אוֹר הַתְּפִלִּין**...

רבי נתן ברענגט, אז אויפן רבי'ן איז כסדר געווען א 'בושה על פניו'![כג]

(רנ"ב: "ר' נחום" מטשערנאביל - האט דאך געזאגט, דאס זעהט מען בחוש אויפן רבי'ן "למען תהי' יראתו על פניכם לבלתי תחטאו").[כד]

'לבלתי תחטאו' - זאגט דער רבי דארט אין די תורה 'חיים נצחיים'[כה] - אפילו 'לבלתי תחטאו', אפילו 'נישט אויף צו זינדיגן', ער וויל טוהן א 'מצוה'!

איינמאל 'לבלתי תחטאו' - כדי מען זאל נישט 'זינדיגן', און אפילו 'נישט אויף צו זינדיגן' - אפילו אויף צו טוהן א 'מצוה' - דארף מען אויך האבן 'בושה', ווי כאפט מען די 'תפילין' אויפן קאפ?! ער כאפט אן די 'כתרי דמלכא'!!

(רנ"ב: 'תפילין' איז 'בושה' - זאגט דער רבי אויבעט אין די תורה 'מרכבות פרעה' - תו' ל"ח), **יא יא, אוודאי** (כנ"ל).

דער רבי זאגט דארט אז 'תפילין' איז א 'סימן' אז מען איז דבוק אינעם אויבערשטן! וואס הייסט 'תפילין'? יעדער איינער לייגט דאך 'תפילין'?! 'תפילין' מיינט מען די 'בושה'!

"מען דארף זיך ארומזוכן בכל עת אויב ער איז דבוק אין השם יתברך, 'והסימן של דביקות' - זאגט דער רבי - איז 'תפילין'!".

זאגט דער רבי ווייטער דא אינעם אנדערן בלאט: 'תפילין' איז 'בושה', 'תפילין' דאס איז 'יראה' - 'בושה', און א מענטש אז ער גייט ארום מיט א 'בושה על פניו' -

---

[כג] עי' שיחות הר"ן אות קס"ח: ... וּכְבָר נִתְבָּאֵר מִגֹּדֶל הַבּוּשָׁה וְהַיִּרְאָה שֶׁהָיְתָה מֻנַּחַת עַל פָּנָיו תָּמִיד אֲשֶׁר לֹא נִרְאָה כָּזֹאת...

[כד] עי' שיחות הר"ן שם: ... והרה"ק מוה"ר רַבִּי נַחוּם ז"ל מִטְשֶׁארְנָבִיל רָאָה אוֹתוֹ בִּימֵי נְעוּרָיו בִּקְהִלַּת מֶעדְוֶועדְווְקֶע וְנִתְבַּהֵל מֵעֹצֶם הַיִּרְאָה שֶׁהָיָה עַל פָּנָיו אָז, וְאָמַר שֶׁמַּה שֶּׁנֶּאֱמַר: "לְמַעַן תִּהְיֶה יִרְאָתוֹ עַל פְּנֵיכֶם לְבִלְתִּי תֶחֱטָאוּ" זֶה רוֹאִין בְּחוּשׁ אֶצְלוֹ.

[כה] תו' ע"ב תניינא: ... כְּמוֹ שֶׁבִּשְׁעַת מַתַּן־תּוֹרָה, שֶׁהִמְשִׁיךְ מֹשֶׁה הַתּוֹרָה לְיִשְׂרָאֵל, נֶאֱמַר שָׁם: "וּלְבַעֲבוּר תִּהְיֶה יִרְאָתוֹ עַל פְּנֵיכֶם לְבִלְתִּי תֶחֱטָאוּ", וְדָרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ ז"ל: 'זֶה הַבּוּשָׁה'. וְזֶהוּ: "לְבִלְתִּי תֶחֱטָאוּ", דְּהַיְנוּ שֶׁיִּהְיֶה לָהֶם בּוּשָׁה לְבִלִי לַעֲשׂוֹת חֵטְא וְעָוֹן ח"ו, וְגַם אֲפִלּוּ 'לְבִלְתִּי תֶחֱטָאוּ', לְבִלִי לַעֲשׂוֹת עֲבֵרָה, צָרִיךְ שֶׁיִּהְיֶה גַּם־כֵּן יִרְאָתוֹ עַל פָּנָיו, דְּהַיְנוּ בּוּשָׁה, כִּי אֲפִלּוּ כְּשֶׁעוֹשִׂין מִצְוָה צָרִיךְ שֶׁיִּהְיֶה לוֹ גַּם־כֵּן בּוּשָׁה גְּדוֹלָה כַּנַּ"ל, כִּי אֵיךְ בָּאִים לַחֲטֹף הַתְּפִלִּין, שֶׁהֵם כִּתְרֵי דְּמַלְכָּא, וּלְהַנִּיחָם פִּתְאֹם עַל הָרֹאשׁ, בְּוַדַּאי רָאוּי שֶׁיִּהְיֶה לוֹ בּוּשָׁה גְּדוֹלָה כְּשֶׁבָּא לַעֲשׂוֹת אֵיזֶה מִצְוָה...

ער שעמט זיך פארן אויבערשטן, דאס איז א 'סימן' אז מען איז דבוק אינעם אויבערשטן!

❖

## בקנאו את קנאתי

דער רבי האט געזאגט - תורה רע"ח:[כו] 'דע, שעל חליף טוב' קען מען זעהן אלע 'כלים' פונעם 'בית המקדש' וואספארא 'פנים' זיי האבן! עס שטייט דארטן ביי יצחק'ן, ער האט געזאגט צו עשו'ן: 'שא נא כליך', ער זאל בודק זיין דעם סכין, ער זאל שחט'ן 'יפה' - 'שלא תאכילני נבלה', 'שא נא כליך' איז מרמז אויף די 'כלים שבבית המקדש', ווייל דורך א 'סכין יפה' קען מען זעהן די 'כלים' פון 'בית המקדש'!

שטייט דארט ווייטער 'בקנאו את קנאתי',[כז] וואס האט א שייכות 'בקנאו את קנאתי' דערצו?

כ'האב געהערט, אז דער רבי האט געזאגט די ווערטער, רבי נתן איז אזוי ארוים פון די כלים, האט ער געזאגט: "רבי, ווען קענט **איר מקנא** זיין?!", אויף ווען קענט איר מקנא זיין?! איז ר' נתן ארוים פון די כלים ווען דער רבי האט געזאגט דעם רעיון! (ועל זה ענה לו רביז"ל:) 'בקנאו את קנאתי', ס'איז טאקע א צדיק וואס איז נישט מקנא קיין שום צדיק 'לא בעולם הזה ולא בעולם הבא', נאר השי"ת אליין איז ער מקנא![כח]

האט טאקע 'בקנאו את קנאתי' א שייכות צו די (פריערדיגע) ווערטער!

רבי נתן האט אנדערש געהערט א דיבור פונעם רבי'ן!!!

❖

[כו] וז"ל שם: דַּע שֶׁעַל חֲלִיף טוֹב יְכוֹלִין לִרְאוֹת כָּל הַכֵּלִים שֶׁל הַבֵּית הַמִּקְדָּשׁ אֵיזֶה פָּנִים יֵשׁ לָהֶם, וְזֶה שֶׁכָּתוּב כְּשֶׁאָמַר יִצְחָק לְעֵשָׂו שֶׁיִּבְדֹּק הַסַּכִּין וְיִשְׁחַט יָפֶה "שָׂא נָא כֵלֶיךָ", רָמַז עַל כֵּלִים שֶׁל בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, שֶׁהֵם נִרְאִים עַל הַסַּכִּין הַיָּפָה כַּנַּ"ל, וְכֵן אִיתָא בַּמִּדְרָשׁ שֶׁכֵּלֶיךָ רֶמֶז עַל כֵּלִים שֶׁל בֵּית הַמִּקְדָּשׁ...

[כז] שם: "בְּקַנְאוֹ אֶת קִנְאָתִי", בְּחִינַת הַצַּדִּיק שֶׁאֵינוֹ מְקַנֵּא שׁוּם צַדִּיק לֹא בָּעוֹלָם הַזֶּה וְלֹא בָּעוֹלָם הַבָּא, רַק אוֹתוֹ לְבַדּוֹ יִתְבָּרַךְ.

[כח] וראה 'גנזי אבא' במכתב מיום י' אדר תשכ"ד.

# אי מן חייא - אנא הוא...

ביי תורה כ"ח אינעם אנדערן חלק,[כט] "דע שיש חילוקים בין התורות", דער רבי זאגט דארטן - מען קען דערקענען א 'גוי' צווישן אלע, נאר אין דעם ענין פון 'תורה שבעל פה', ווייל ער האט נישט אין זיך קיין 'תורה שבעל פה', קען מען אים דערקענען!

רבי נתן איז אזוי ארוים פון די ווערטער, אזוי נתפעל געווארן פון די ווערטער, אז ער האט זיך אנגערופן זיך צום רבי'ן: "רבי, **אפשר מיינט דאס די גמרא, 'אין משיח בא אלא בהיסח הדעת', ער וועט זיין, מען וועט נישט וויסן צו ער איז דא!**", אפשר מיינט דאס די גמרא, דאס איז די 'היסח הדעת', ער וועט זיין, מען וועט נישט וויסן צו ער איז דא! (ענה רבינו ואמר:) "**נו, רב נחמן האט דאך שוין לאנג געזאגט, 'אי מן חיי - אנא הוא'!**".[ל]

איך מיין (צו זאגן) - וואס זעהען מיר דען דא?! וואס ליגט אין די תורה'לע?! רבי נתן האט געהאט אזוי פיל 'דרך ארץ' פאר די תורה'לע וואס דער רבי זאגט אט דא: אז ס'איז דא 'תורה שניתן לכתוב', און דער עיקר נאר - זיי האבן נישט קיין שום שייכות מיט 'תורה שבעל פה', 'תורה שבכתב' - אבער 'תורה שבעל פה' האבן זיי נישט, קומט דאך אויס 'תורה שבעל פה' האט נאר שייכות צו אידן, קען ער

---

[כט] וז"ל שם: דַּע, שֶׁיֵּשׁ חִלּוּקִים בֵּין הַתּוֹרוֹת ... וּמִי שֶׁיּוֹדֵעַ לְהַבְחִין וּלְהַכִּיר בֵּין הַתּוֹרוֹת, אֵיזֶהוּ נִתְּנָה לִכְתֹּב וְאֵיזֶהוּ לֹא נִתְּנָה לִכְתֹּב, הוּא יָכוֹל לְהַכִּיר אֶת אִישׁ יִשְׂרְאֵלִי בֵּין הָאֻמּוֹת, **וַאֲפִלּוּ אִם אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל עוֹמֵד בֵּין כַּמָּה אֻמּוֹת יָכוֹל לְהַכִּירוֹ** ... כִּי עִקַּר הַהֶבְדֵּל שֶׁבֵּין יִשְׂרָאֵל לָאֻמּוֹת הוּא בִּבְחִינַת מַה שֶּׁלֹּא נִתַּן לִכְתֹּב, בְּחִינַת תּוֹרָה שֶׁבְּעַל־פֶּה ... וְיֵשׁ בְּכָל אֶחָד וְאֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל חֵלֶק מִבְּחִינַת תּוֹרָה שֶׁבְּעַל־פֶּה שֶׁלֹּא נִתַּן לִכְתֹּב, וְעַל־כֵּן מִי שֶׁמַּכִּיר בֵּין הַתּוֹרוֹת שֶׁנִּתְּנוּ לִכְתֹּב וְשֶׁלֹּא נִתְּנוּ לִכְתֹּב, הוּא יָכוֹל לְהַכִּיר בֵּין יִשְׂרָאֵל לָאֻמּוֹת...

[ל] עי' חיי מוהר"ן אות רע"ב בהשמטות: **אֶפְשָׁר כָּךְ הוּא הַפֵּרוּשׁ "אֵין בֶּן דָּוִד בָּא אֶלָּא בְּהֵיסֶח הַדַּעַת"**, הַיְנוּ שֶׁלֹּא יָבוֹא עַל דַּעְתָּם שֶׁכְּבָר הוּא (בָּא) וּבֶאֱמֶת כְּבָר הוּא בָּא וְהִנֵּה הוּא וְכוּ'. וְהוֹדָה לִדְבָרַי, וְאָמַר שֶׁכָּךְ כָּתוּב (יִרְמְיָה ל) "וְהָיָה אַדִּירוֹ מִמֶּנּוּ". **אַחַר־כָּךְ נִתְעוֹרֵר וְאָמַר, זֶה אָמַר רַב נַחְמָן בְּמַסֶּכֶת סַנְהֶדְרִין אִי מִן חַיָּיא הוּא - כְּגוֹן אֲנָא**, שֶׁנֶּאֱמַר וְהָיָה אַדִּירוֹ מִמֶּנּוּ בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ אָמֵן. [אָמַר הַמַּעְתִּיק: מַאֲמָר זֶה הַנַּ"ל אָמַר מוֹרֵנוּ מוֹהֲרַנַ"ת זַ"ל אֶל אַדְמוּ"ר זַ"ל, אַחַר שֶׁאָמַר הַמַּאֲמַר הַמּוּבָא בְּלִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן תִּנְיָנָא סִימָן כח "דַּע שֶׁיֵּשׁ חִלּוּקִים בֵּין הַתּוֹרוֹת" וְכוּ', וּמוֹרֵנוּ מוֹהֲרַנַ"ת זַ"ל מֵעֹצֶם הַרְגָּשָׁתוֹ בִּזְכוּת לִבּוֹ אֶת עֹמֶק נוֹרְאוֹת דְּבָרָיו הַקְּדוֹשִׁים עַד כִּי בָּעֲרוּ בְקִרְבּוֹ שַׁלְהֶבֶת מַמָּשׁ, **לֹא יָכוֹל לְהִתְאַפֵּק, וַיִּתֵּן אֶת קוֹלוֹ בִּפְנֵי כָל הַנִּצָּבִים עָלָיו אֶת הַמַּאֲמָר הַנַּ"ל אֶפְשָׁר כָּךְ הוּא** הַפֵּרוּשׁ וְכוּ']. ועי' כוכבי אור - חכמה ובינה בהקדמה, ושם בשיחות וסיפורים אות ל"ו.

דערקענען א גוי צווישן אזוי פיל מענטשן, ווייל ער זעהט אז אין אים איז נישטא קיין 'תורה שבעל פה'!

ווייזט אוים אז ס'איז גארנישט דא אין אים צו דערקענען, נאר דער פרט, ווייל דער עיקר הבדל איז דאך נאר אין 'תורה שבעל פה' וואס ס'איז 'לא ניתן לכתוב', יעדער ישראל האט דאך א חלק אין 'תורה שבעל פה', אבער אז ער איז א נכרי, האט ער דאך נישט קיין שום חלק אין 'תורה שבעל פה'.

ווייל ער זעהט אז ער האט נישט קיין חלק אין 'תורה שבעל פה', דערפאר קען ער אים דערקענען, נאר דערפון קען ער אים דערקענען!

קומט אוים אז די 'תורה שבעל פה' איז עפעס א זאך וואס ער דערקענט אין אים אז ער האט נישט קיין שייכות צו 'תורה שבעל פה'!

דערפון איז ר' נתן אזוי געוואלדיג ארוים (פון התפעלות)!

דער רבי זאגט דאך אזוי: האבן א געפיל אינעם צדיק'ס דיבורים [קען מען נישט] סיידן מען האט מתקן געווען 'אות ברית קודש כראוי'![לא]

❖ ❖ ❖

# דאשוב'ער זשלאבעס...

(ר' יעקב דב ז"ל: אמאל פלעגט מען מאכן א סעודה ביי "ר' אברהם ר' נחמן'ס" יארצייט - כ"ט כסלו ה' דחנוכה), איך וועל דיר זאגן - כ'האב עס עטליכע מאל געמאכט, נאכדעם האב איך עס אויפגעהערט.

איך וועל דיר זאגן פארוואס, כ'האב געזעהן עפעס אז - איך וויים? מען איז געווען אין מירון עטליכע מאל, און איך האב געוואוסט אז "ר' אברהם ר' נחמן'ס" אים איז ניחא מען זאל זיך לייגן שלאפן פרי און אויפשטיין 'חצות', דאס איז אים בעסער ניחא, דאס וועט זיין פאר אים מער 'נחת רוח', ער וויל נישט ליידן די אלע מעשה'ס דארטן, שוין...

---

[לא] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' ל"ו אות ה': דְּזֶה הוּא כְּלָל גָּדוֹל, שֶׁאִי אֶפְשָׁר לְשׁוּם אָדָם לְהַשִּׂיג וְלִתְפֹּס בְּדִבּוּרוֹ שֶׁל הַצַּדִּיק, אִם לֹא שֶׁתִּקֵּן תְּחִלָּה אוֹת בְּרִית קֹדֶשׁ כָּרָאוּי, וַאֲזַי יָכוֹל לְהָבִין וְלִתְפֹּס דִּבּוּרוֹ שֶׁל הַצַּדִּיק ... כְּפִי הַתִּקּוּן שֶׁל כָּל אֶחָד, כָּךְ הוּא הַשָּׂגָתוֹ.

ביים "רבי'ן" און "ר' נתן'ען" מאכט מען דאך, ביים "רבי'ן" מיט "ר' נתן'ען" מוז מען דאך שוין, איז קיין עצה נישטא.

(ר' יעקב דב: אים איז אויך ניחא מען זאל רעדן פון אים), איך ווייס? ס'איז אויסגעקומען עפעס אזוי, כ'האב געזעהן אז מען האט געמאכט עפעס א גאנצע - איינמאל איז געווען אין מירון (בשבת חנוכה) און מען איז געזעצן ביז חצות, נאכדעם האט מען געזאגט 'חצות', פארן עמוד האט מען געזאגט די קאפיטלעך פון חצות, מען איז געשטאנען ביים ציון געזאגט חצות.

נאכדעם האט מען איבערגערעדט אז מען האט איבערגעהאקט דעם 'חצות' (שלא קיימו את החצות כראוי), א חצות ווען מען לייגט זיך שלאפן און מען שטייט אויף דאס איז אן אנדער 'חצות', און אזוי - מען איז געווען אויף ביז חצות, מען האט געזאגט קאפיטלעך תהלים און מען האט זיך געלייגט שלאפן...

(ר' יעקב דב: ווי האט דער רבי געזאגט צו "ר' יודל": "דאשוב'ער זשלאבעס! עס שטייט 'פורס מפה ומקדש'!" - אז מען זאל שמועסן וויטער פון רבי'ן?), דאס איז דאך נישט געווען קיין חצות, ניין ניין, דאס שטייט דאך אין 'שולחן ערוך', דעמאלט איז געוועזן - 'שמחת תורה' איז געוועזן פרייטאג, ['שמחת תורה' איז עס געווען - דאכט זיך, 'שמחת תורה' צו 'שבועות', 'שמחת תורה' קען דאך אויסקומען פרייטאג, אז דאנערשטאג און פרייטאג איז ראש השנה, איז שמחת תורה פרייטאג].

און מען איז געזעצן צוזאמען (ודברו בעבודת השם), און ווייל ס'איז געווארן שבת האט מען איבערגעהאקט, האט דער רבי געזאגט, "דאשוב'ער זשלאבעס, איז מען מקיים 'פורס מפה ומקדש'!" - עס שטייט דאך אין שלחן ערוך אזוי, 'פורס מפה ומקדש' - "מען זיצט וויטער, און מען רעדט וויטער!".

דאס איז דאך א אנדערע זאך, ס'שטייט דאך אין שולחן ערוך אזוי, אז מען זיצט פארנאכט, ס'ווערט שבת, 'פורס מפה ומקדש' און מען רעדט וויטער.[לב]

(ר' יעקב דב: כל-שכן אינעם טאג פון די 'הילולא', מען דארף נישט רעדן ביז חצות, אבער מען פארברענגט א שעה), איך ווייס וואס? "ר' אברהם ר' נחמן'ס" איז געווען אזוי רגיל אין 'חצות', אזוי אדוק אין 'חצות'!

[לב] עי' שו"ע או"ח סי' רע"א.

❖

# וקרח בלילה...

ס'איז געווען א ווינטער, מיר זענען צוזאמען געשלאפן אין א שטיבל, א שטיבל געווען - גרויס ווי א 'פערטל' פון די שטוב, איז מען דארטן געשלאפן צעהן אדער צוועלף מענטשן! (רנ"ב: ביי וועמען?) "עקיבא סטעלמאך".

און אראפגיין איז געווען פול מיט שניי, אראפגיין פאר'ן שטיבל איז געווען פול מיט שניי, און די ווענט זענען געווען ארום און ארום פול מיט שניי, נאר אים "ר' אברהם'ען" האבן מיר אפגעגעבן עפעס א בכבוד'יג שטיקל דארט, מער בכבוד'יג פון א אנדערער, און דארטן האט מען געארבעט אין די שטיבל... (בעבודת השם).

ס'איז געווען אזוי קאלט, ס'איז נישט געווען וואס צו עסן, און ס'איז נישט געווען מיט וואס צו צודעקן זיך, ס'איז נישט געווען וואס אונטערצולייגן, און מען האט דארטן געארבעט, אה אה!

(רמ"ב: דארטן האט מען געזאגט חצות? מען איז נישט געגאנגען צום ציון חצות?) יא, דארטן ביי די שטוב! ווי האט מען געקענט גיין ביינאכט אין די פרעסט?! מען איז געגאנגען פארטאג, ס'איז געווען אידן וואס זענען געגאנגען חצות אויך - אין די גרויסע פראסט, אבער ס'איז געווען שווער, גרויסע פרעסט געוואלדיגע, אז מען האט ארויסגעשטעקט די קאפ אינדרויסן האט מען געקענט פארפרוירן ווערן!

(ר' יעקב דב: איך בין געווען פאר דריי יאר 'עשרה בטבת' ביים רבי'נס ציון, איז נישט געווען אזוי קאלט), יא, ס'גיט זיך אויס אמאל א גרינגערער ווינטער אויך דארט, יא ס'גיט זיך אויס אמאל א גרינגערער ווינטער, אבער ס'איז דא אזעלכע פרעסט, אה אה...

❖

# תבר גזיזי דברדא

איך בין געווען אמאל אין 'ברסלב' עשרה בטבת, איך בין געווען אין 'טולטשין' און געפארן מיט "נאשקע'ן עליו השלום",[לג] מיר זענען געווען - הייסט עס - די 'נעכט'

---

[לג] ר' נאשקע טולטשינ'ער ז"ל, ה"ה ר' נחמן ב"ר שכנא ב"ר דוד צבי ב"ר יצחק בן מוהרנ"ת ז"ל, מחשובי אנ"ש.

האבן מיר גענעכטיגט אין 'טולטשין' און אפגעדאווענט אין 'טולטשין', און נאכדעם זענען מיר געפארן קיין 'ברסלב' צו ר' נתן'ען 'עשרה בטבת'.

מיר קומען צו גיין, איז געווען די שניי אזוי גרויס, אזוי פארשאטן די שניי.

אין 'ברסלב' איז אזוי, אז מען גייט דא - אין 'דער זייט' איז דא דער 'ביג' (נהר בוג), איז אז מען וויל גיין צו ר' נתן'ס ציון גייט מען פון דא, און דא איז דער 'ביג', אבער אז ס'איז פארשאטן מיט שניי זעהט מען נישט וואו ס'איז 'שניי' און וואו ס'איז דער 'ביג'! אז מען גייט - חלילה קען מען דערטרונקען ווערן, ס'איז דאך געוואלדיג.

און דא מיר גייען, מיר ווייסן נישט וואו מיר גייען, האט נאשקע אזוי געזאגט: "דא קען מען נישט גיין, דא קען מען ממש (דערטרונקען ווערן), מיר גייען אויף א אנדער וועג!", ער איז געווען געניט דארטן, "מען וועט גייט ארום און ארום אויף א אנדער וועג, ביז מען וועט קומען פון ארום, וועט מען קענען קומען צו ר' נתן'ס ציון!".

נו, ער איז געווען דער מנהיג, דער פירער, מען גייט ארויס און מען ווייס נישט וואו מיר גייען! (רמ"ב: ביינאכט צו בייטאג?) בייטאג! ס'איז פארשאטן מיט שניי, א גלייכער וועג, מען ווייסט נישט וואו מיר גייען!

אינמיטן זענען מיר געגעבן א פאל אריין, מען קען נישט ארויס, מען קען נישט ארויס! אונזער קערפער איז געווארן קאלט, און די פיס הויבן אן פרירן, און חלילה אזוי גיט מען א פאל ווערט מען א 'שטיק אייז', טאמער מען פאלט ארום - קען מען זיך נישט אויפהייבן - ווערט מען באלד א 'שטיק אייז'!

"האבן מיר דעמאלט געשריגן צום אויבערשטן!".

מען איז אונטערן הימל, מען ווייס נישט וואו מיר זענען, (השואל: איר האט נישט געזעהן קיין מענטשן?) ווער גייט דעמאלט אינדרויסן?! מיר ווייסן נישט וואו מיר גייען, מען ווייס נישט וואו מען איז! מען זעהט נישט גארנישט, מען זעהט נאר פארשאטן מיט שניי, און מיר ווייסן נישט וואו מיר גייען, מיר האבן געשריגן צום אויבערשטן!

אזוי איז די סכנה, מען ווערט קאלט, דער גאנצער קערפער איז פארפרוירן, און די פיס ווערן אויך, מען פאלט אום, מען ווערט באלד א שטיק אייז, האבן מיר דעמאלט געשריגן צום אויבערשטן! אזוי געגעבן קולות!

נאכדעם זאגט נאשקע "ער זעהט דארטן עפעס אט דאס", דאכט זיך אים אז דארטן איז נישט ווייט פון "ר' נתן'ס ציון", "אזוי, לאמיר זיך גיין דארטן" - אזוי האט ער מיר געזאגט, ער איז געגאנגען, איך האב זיך געשלעפט זיך, און דער אויבערשטער האט געהאלפן, וואו ער האט געזעהן טאקע איז געווען ריכטיג, און פון דארטן האט מען זיך אויסגעדרייט צו ר' נתן'ען, צום ציון.

ווען מען איז געווען ביי ר' נתן'ס ציון האט מען שוין נישט געקענט רירן זיך, און דער ציון איז געווען פארשאטן מיט שניי, און מען האט נישט געקענט אראפקלאפן דעם שניי פון די פיס, איך קען נישט קלאפן, וואו קלאפ איך?! ס'איז דאך אומעטום 'שניי', איך האב נישט וואו צו קלאפן די פיס, ס'איז אזא נס געווען ווי אזוי מיר זענען געקומען צום ציון, ווי אזוי מיר זענען געקומען קריק, אה ס'איז א גוואלד געווען, ממש געווען עפעס א 'תחיית המתים' אז מען קען דאס אויסהאלטן...

(השואל: ווי לאנג זענט איר געווען דארט?) נישט לאנג, ווי האט מען געקענט זיין לאנג?! תהלים און (השתטחות) - -

(השואל: און ווי זענט איר געגאנגען קריק?) קריק זענען מיר שוין געגאנגען אויף די טריט, די זעלבע, מיר האבן דאך געמאכט טריט, א מענטש ער גייט מאכט ער טריט, האבן מיר שוין געקענט גיין אויף די טריט, זענען מיר געגאנגען צוריק אויך אזוי, ווייל דורכן 'ביג' האט מען נישט געקענט גיין (כנ"ל), דער 'ביג' איז נענטער אסאך.

אט דאס איז געווען מיט חסד! דאס איז געווען מיט חסד!

❖

## ומאריות גברו... - ר' ברוך געצע'ס

ר' "ברוך" ר' געצע'ס איידעם, פלעגט דאך ארויסגיין ביינאכט דארטן אין וואלד, אין פעלד אריין, ביינאכט, איז געווען אמאל אזא מין פראסט, איינער איז געווען א יונגערמאן א בעל תשובה, ער האט געהאנדעלט מיט שיך און מיט פעלצן, "דוד הייסינער",[לד] פלעגט ער געבן יעדן איינעם וואס ס'איז געגאנגען ביינאכט אין פעלד

[לד] מעיר הייסין, ואח"כ עבר להתגורר באומאן, מתחלה לא היה שומר תו"מ, פעם ביקר בקלויז של אנ"ש, ומאז נעשה בעל תשובה גמור, והיה מספק מגפיים (שטיוול) ובגדי חורף לאנ"ש היוצאים לשדה (עי' אודותיו בקונטרס טעם זקנים כ"ד - פרשת בא תשל"ד).

אריין א 'פעלץ' מיט א 'פאר שיך', אזעלכע הויכע 'שטיוול', מיט א גרויסן 'פעלץ' און א גרויסן 'הוט' פון אויבן, מען האט גארנישט דערקענט צו ס'איז א איד צו נישט, דאס האט מען אנגעטוהן, דאס האט ער יעדן איינעם געגעבן, ווער ס'איז געגאנגען אין פעלד אריין.

אבער דאס איז אלץ געדעדט געווארן אז ס'איז געוויינליך, אבער אז ס'איז די גרויסע פרעסט - נעמט עם אדורך דעם פעלץ מיט די שטיוול...

ער דערציילט דא נאשקע'ס[לה] א פעטער, יא, זיינער א פעטער, די מאמע'ס א ברודער, האט ער געוואלט זעהן וואס טוהט דארטן 'ברוך' אז ס'איז אזא מין פראסט?!

ער איז געווען א 'גביר', געגאנגען אזוי אנגעטוהן שיין, פיין. "וואס טוהט דארטן ברוך? וואס קען ער דארטן טוהן אין אזא מין פראסט - ביינאכט?!".

איז ער געגאנגען, און געזעהן ווי ער האט זיך 'געווארפן' ער זאל נישט פארפרוירן ווערן, ער האט זיך געווארפן אזוי, געמאכט אזוי 'ארויף און אראפ' ער זאל נישט ווערן פארפרוירן, און ער האט זיך 'געקלאפט' און 'געקנאקט' און 'געווארפן זיך' און געשריגן!

האט ער געזעהן וואס הייסט 'ארבעטן', וואס הייסט א 'עבודה'! ער האט זיך געווארפן אזוי אז ער זאל נישט ווערן פארפרוירן, און געשריגן 'קולות'!

נו, איי אידן וואס זענען מקושר צום תכלית!

(רנ"ב: אויף אזא זאך דארף מען האבן א גרויסן חיות), ער איז געווען א געוואלדיגער עובד, א געוואלדיגע גיבור כח - 'ברוך'! (רמ"ב: בגשמיות?) בגשמיות, נאכדעם איז ער געווארן קראנק.

א געוואלדיגער 'גיבור כח' איז ער געווען, געדאוונט האט ער געדאוונט אז ס'איז געווען ממש - ס'האט 'בוקע רקיעים' געווען זיין דאווענען, ער האט געדאוועגט יעדעס ווארט - 'יהי', 'כבוד', ה'! יעדעס ווארט מיט כוחות, יעדעס ווארט, ס'איז

[לה] הכוונה לר' נחמן קנלסקי-רוסישער ז"ל, ודודו המוזכר כאן היינו אחי אמו ר' נחמן ב"ר בנציון קמינסקי ז"ל מקרימינטשוק, נכד ר' שמעון'לע תלמיד רביז"ל. (מבה"נ 37).

געווען אזא מין דאווענען וואס ער האט זיך טאקע געמוזט אפרוהען זיך, ער זאל קענען זיך איבערכאפן - אז ער זאל קענען האבן די כוחות.

ער האט געהאט קליינע קינדער, איז ער געווען אזא מין 'גיבור כח' אז ער האט געקענט - געדענק איך - ער איז געקומען צו 'ויברך דוד' האט ער אויסגעטוהן די טלית ותפילין, אריינגעגאנגען אין שטוב אריין, די קינדער זענען קליינע קינדער, מען דארף זיי ארומריינינגן, עסן, און ער איז אריינגעקומען קריק און אנגעטוהן די תפילין און ווייטער געדאוונט, ווייטער געדאוונט!

ער האט געדענקט אז ער האט קליינע קינדער, איז ער אריינגעגאנגען, א קינד - א שימוש וואס ס'דארף טוהן א מאמע האט ער געמוזט טוהן, ער האט נישט געהאט אויף וועם זיך צו פארלאזן זיך - איך מיין דאס 'גרויסקייט' - און צוריק אריינגעקומען צוריק אנגעטוהן דעם טלית ותפילין, און ווייטער געדאוונט, און ווידער געדאוונט! א 'גיבור כח'.

❖ ❖ ❖

# נישט אפגעלאזט די האנט

(ר' יעקב דב: ס'איז געווען א גרויסע פארלוסט מסתם ווען "ר' אברהם ר' נחמן'ס" איז נסתלק געווארן), איך בין נישט געווען ביי די הסתלקות, איך האב גארנישט געוואוסט, איך בין געווען אין 'קיבליטש' דעמאלט, ס'איז געווען א יאר נאך מיין חתונה.

(ר' יעקב דב: "ר' אלי' חיים רוזין" איז יא געווען?) "אלי' חיים" איז געווען, יא.

אלי' חיים האט געוואוינט אין אומאן, איך האב דעמאלט געוואוינט אין 'קיבליטש', א יאר נאך מיין חתונה, איך האב חתונה געהאט 'זאת חנוכה' תרע"ז, און דאס איז געווען תרע"ח.

❖

"ר' געצע" איז נפטר געווארן דעם 'שביעי של פסח' דעם אייגענעם ווינטער, ר' געצע איז געגאנגען מבקר חולה זיין ר' אברהם ר' נחמן'ס, און ר' אברהם ר' נחמן'ס האט אים געגעבן די האנט און ער האט אים צוגעהאלטן די האנט, ער האט אים נישט אפגעלאזט די האנט, און ר' געצע האט געזאגט: "ווער ווייס - אויף זיך - וואס

דאס איז, ר' אברהם לאזט אים נישט אפ די האנט!", ער האט אים נישט אפגעלאזט די האנט.

דאס איז געווען ערב ראש חודש טבת, און באלד איז ר' געצע קראנק געווארן! (רנ"ב: ס'איז געווען דעם לעצטן טאג זיינעם - דאס האלטן די האנט?) יא, פאר די הסתלקות, ער האט אים נישט אפגעלאזט די האנט, האט ר' געצע געזאגט: "ווער ווייסט וואס דאס איז אז ר' אברהם לאזט אים נישט אפ די האנט", און ער איז געקומען אהיים ער איז געווארן קראנק, און 'שביעי של פסח' נפטר געווארן.

(רלו"י פונה לר' משה בינענשטאק): דיין - 'אברהם' (דזארגובסקי-בעדער, חותנו של ר' יצחק גלבך, חמיו של ר' משה), ער איז געקומען צו פארן (לאומאן), ער איז געווען א זעלנער ביי ניקאליי'ען (נלקח לשרת בצבא), געקומען צו פארן, אנגעטוהן שיין געפוצט א 'זעלנער', און מען האט גערעדט דעם שידוך, און אין די נאכט פון 'בדיקת חמץ' איז געווען די 'חופה' ביי די פענסטער (פון ר' געצע'ן), האט ר' געצע ארויסגעקוקט ביים פענסטער, ער זאל כאטש זעהן די חופה פון די טאכטער (כי היה מוטל על ערש דוי סמוך להסתלקותו).

דאס איז יוחנן'ס (גלנט ז"ל) בני בית, 'רחל' ( בזיוו"ש), יוחנן'ס 'בני בית' - די יעצטיגע - איז ר' געצע'ס א טאכטער, ביי איר חופה איז דאס געווען (בזיווגה הראשון היתה אשת ר' אברהם בעדער).

ער איז געווען א גרויסער 'תלמיד חכם' - דער אברהם, געקענט, געלערנט גמרא מיט תוספות, שארף געלערנט, א שוואגער פון "ר' מתת'ן", זי (ר' מתת'ס ווייב) איז געווען זיינס א שוועסטער.

(רמ"ב: ער איז געקומען קיין אומאן אלס א ברסלב'ער?!) ניין, ער איז נישט געווען, ער האט געהאט א שוועסטער (אשת ר' מתתי'), איז ער געקומען צו פארן! (רמ"ב: און ער איז געווארן שפעטער א ברסלב'ער?) יא, אוודאי. (רנ"ב: זי איז געווען עלטער פון אים - די שוועסטער? זי האט שוין געהאט חתונה געהאט מיט ר' מתת'ן דענמאלט?) אוודאי יא.

ער איז געווען אזוי א תמימות'דיגער דער אברהם!

❖ ❖ ❖

# ווי נעמט מען כאטש אזא מין רייסן זיך

(ר' יעקב דב: מען פלעגט דערציילן אז זיי האבן געזאגט - אונזערע לייט - צו די קדושה פון "ר' אברהם ר' נחמן'ס"?) יא, דאס האט 'ישראל כהן' געזאגט, 'ישראל כהן עליו השלום' האט אזוי געזאגט - אז ר' געצע איז נפטר געווארן האט ער אזוי געזאגט: **"אזא שומר הברית ווי ר' אברהם איז געווען איז נישטא, וואו נעמט מען כאטש דאס הארעווען פון ר' געצע'ן?!"**, זאל מען הארעווען אזוי ווי ר' געצע האט געהארעוועט, וואו נעמט מען כאטש דאס?!

(רמ"ב: ביי די הסתלקות פון ר' געצע'ן זענט איר אויך נישט געווען?) ניין.

(ר' יעקב דב: דאכט זיך מיר אז ער האט געזאגט, "רייסן זיך ווי ר' געצע זעהט מען אויך נישט!"), דאס האט ער געזאגט: **"ווי נעמט מען כאטש אזא מין רייסן זיך ווי ער האט זיך געריסן?!"**, אה, אך!

זי האט געזאגט - די 'אסתר' (אשתו של ר' געצע) רחל'ס מאמע - אז ער האט זיך אמאל געזאגט 'שלום עליכם' מיט אזא מין דביקות, אז ער איז געבליבן 'חלשות'! ער האט גע'חלש'ט, מען האט אים געמוזט דערמינטערן!

(ר' יעקב דב: ר' משה טשענסטכאווער האט דערציילט, אמאל פרייטאג צו נאכטס ער האט געזאגט 'רבון עולמים' איז ער אויך געבליבן 'חלשות' - אויף ר' געצע'ן).

איין ווינטער האבן מיר געגעסן דארטן, ר' געצע איז געווען אן ארימאן, ער האט נישט געהאט אויף שבת, האבן מיר געגעסן דארטן, ממילא האבן זיי שוין אויך געגעסן... ער האט נישט געהאט אויף שבת גארנישט, האבן מיר אריינגעטראגן אביסל פיש דארטן, פלייש, מיט חלות, און זי האט געמאכט - אסתר, זי האט געמאכט דעם שבת, האבן זיי אויך געגעסן מיט אונז צוזאמען, "האבן מיר געזעהן" - - -

א מענטש - אלט געווען 'פיר און פערציג יאר' - נפטר געווארן, ער איז געווען קראנק אויף די לונגען.

(ר' יעקב דב: ער האט געהאט אדורך געלערנט ש"ס), יא, ער איז געווען א גרויסער למדן, געלערנט אסאך.

און אזוי הארעווען, אזוי הארעווען, אזוי אוועקגעבן די כוחות צום אויבערשטן, אזוי הארעווען, איי!

❖ ❖ ❖

## כאשר אבדתי אבדתי

(ר' יעקב דב: ר' אלי' חיים דערציילט, אז ר' אברהם ר' נחמן'ס האט געזאגט אמאל צו ר' ישראל כהן, ער האט אים געפרעגט פארוואס ער גייט אויפן רבי'נס ציון אן מקוה, האט ר' ישראל געענטפערט ער גייט מיט די הלכה דארטן - בכור בהמה טהורה, 'כאשר אבדתי אבדתי' - ענה לו ר' אברהם): **נו, אויב אזוי?! מעגסטו שוין גיין!...**[לו]

**מען האט נישט געקענט גיין אין מקוה, מען האט געדארפט גיין אין טייך, א מקוה איז נישט געווען, אין טייך איז דאך ווינטער, און דער ווינטער...**

(ר' יעקב דב: איך האב נישט געוואוסט ס'איז דא א מקוה אין 'קיעוו', [כשנסע לציון רבינו], דאס ערשטע האב איך נישט געוואלט האבן צוטוהן איידער איך בין אויפן רבי'נס ציון, און איך בין ערשט געוואויר געווארן שפעטער, ס'קאסט עפעס אפאר דאלער, מאכט מען א ווארעמע מקוה אויך), **יא?!**

(איך האב נישט געוואוסט פון דעם, אין קיעוו, דער גבאי האט מיר געזאגט: אז דו באצאלסט אפאר דאלער מאך איך דיר א ווארעמע מקוה, א טאג שפעטער בין איך שוין געווען אין שול, האט ער מיר געוויזן מען באקט מצות דארטן, א איד אז ער פארט איז כדאי ער זאל וויסן).

❖ ❖ ❖

## געווען ביי זיך א שטיק בלאטע

**וויפיל מיר רעדן פון "ר' אברהם ר' נחמן'ס" קען מען דאך נישט - נאר דאס קענען מיר זאגן, זיין 'שפלות', ווי דער רבי זאגט אין די תורה פון חיים נצחיים, 'מחקק', די**

---

[לו] עי' ליקוטי הלכות הל' בכור בהמה טהורה ד' אות ט"ז: וּבְכֵן אָבוֹא אֶל הַמֶּלֶךְ אֲשֶׁר לֹא כַדָּת, וְדָרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ ז"ל **שֶׁלֹּא כַּדָּת שֶׁל תּוֹרָה, כִּי אֲנִי יוֹדֵעַ בְּעַצְמִי שֶׁעַל-פִּי דָּת שֶׁל תּוֹרָה בְּוַדַּאי אֵינִי רָאוּי לָבֹא לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ לְהִתְפַּלֵּל לְפָנָיו**, כְּפִי מַה שֶּׁאֲנִי יוֹדֵעַ חַטֹּאתַי וַעֲוֹנוֹתַי, **אַךְ אַף-עַל-פִּי-כֵן אָבֹא לְפָנָיו שֶׁלֹּא כַּדָּת, וְכַאֲשֶׁר אָבַדְתִּי אָבָדְתִּי**, הַיְנוּ אִם חַס וְשָׁלוֹם אֵינוֹ לְרָצוֹן תְּפִלּוֹתַי וְהִתְבּוֹדְדוּתִי עַתָּה לְפָנָיו מֵרִבּוּי קִלְקוּלַי כַּאֲשֶׁר 'אָבַדְתִּי' עַל-יְדֵי מַעֲשַׂי הָרָעִים, 'אָבָדְתִּי', **וְיַעֲשֶׂה ה' יִתְבָּרַךְ עִמִּי מַה שֶּׁיִּרְצֶה אֲנִי תָּמִיד אֲיַחֵל וְאֶצְעַק לַה' יִתְבָּרַךְ אוּלַי יְרַחֵם**, וְאָז חָמַל ה' יִתְבָּרַךְ עַל מָרְדְּכַי וְעַמּוֹ, וַיּוֹשֶׁט הַמֶּלֶךְ לְאֶסְתֵּר אֶת שַׁרְבִיט הַזָּהָב...

**'שפלות' ליגט אין יעדן 'אבר',[לז] דאס האט מען געזעהן אויף דעם אידן, מכף רגל ועד ראש איז ער געווען פול מיט שפלות!**

(ר' יעקב דב: דאכט זיך ער האט געזאגט דאס ווארט, "פארוואס האט ר' נתן גענומען ביים רבי'ן מיט שעפל מיט לעפל" -) **יא, יא, - "ווייל ער איז געווען ביי זיך א שטיק בלאטע!",[לח] "פארוואס האט מיין טאטע גענומען פון ר' נתן'ען? ווייל ער איז געווען ביי זיך א שטיק בלאטע!".[לט]**

**מער האט ער נישט געזאגט, מיר פלעגן שוין אויספירן דאס דאזיגע: "פארוואס האט ר' אברהם גענומען** (אזויפיל)**, ווייל ער איז געווען א שטיק בלאטע!".**

**'בלאטע', ממש א שטיק 'בלאטע', אזוי מיט חכמה - זיין 'הצנע לכת' איז געווען געוואלדיג.**

(ר' יעקב דב: ער האט אזוי מקפיד געווען, "ר' ישראל קארדונער" האט אמאל געגעבן א קלאפ אין טיש -) **יא יא, ס'איז געווען אמאל א פרייטאג צו נאכטס, ר' אברהם פלעגט אסאך מאל ביי אונז אויך - פאר קידוש האט ער זיך פאר'דבקות'ט אביסל, איז געווען דארט איינער אביסל א פלאפלער, ער פלעגט רעדן אסאך, האט ער גערעדט גערעדט, האט ר' ישראל געגעבן א געשריי 'שא שא', האט ר' אברהם 'שוין' געמאכט קידוש! ער האט שוין געמאכט קידוש, ער האט אים שוין איבערגעהאקט...**

**ער האט אים גארנישט געענטפערט דעמאלט, 'צומארגנס' האט ער אים באצאלט פאר דעם 'שא', פארוואס ער האט געשריגן 'שא'...**

(ר' יעקב דב: ער פלעגט זאגן דאכט זיך - "תועבת ה' כל גבה לב" -) **'כל' גבה לב, אפילו אין תורה, אויב** (יש בזה גאות) **בין איך אן עבודה זרה!**

---

[לז] וז"ל שם: כִּי דַע שֶׁיֵּשׁ בְּכָל אֶחָד וְאֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל בְּחִינַת הַשִּׁפְלוּת שֶׁל מֹשֶׁה בְּכָל אֵיבָר וְאֵיבָר ... וְזֶהוּ: "בִּמְחֹקֵק בְּמִשְׁעֲנֹתָם", מְחֹקֵק דָּא מֹשֶׁה, כְּמוֹ שֶׁדָּרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ ז"ל. גַּם מְחֹקֵק בְּגִימַטְרִיָּא רַמַ"ח, הַיְנוּ בְּחִינוֹת הַשִּׁפְלוּת שֶׁל מֹשֶׁה, שֶׁמְּלֻבָּשׁ בְּכָל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל בְּרַמַ"ח אֵיבָרָיו, בְּכָל אֵיבָר וְאֵיבָר כַּנַּ"ל ... וְזֶהוּ: בִּמְחֹקֵק בְּמִשְׁעֲנֹתָם, הַיְנוּ שֶׁיִּהְיֶה נִחְיֶה הַשִּׁפְלוּת שֶׁל מֹשֶׁה, שֶׁיֵּשׁ בְּכָל הָרַמַ"ח אֵיבָרִים שֶׁל כָּל אֶחָד וְאֶחָד, עַל־יְדֵי הַתְּשׁוּבָה כַּנַּ"ל...

[לח] עי' חיי מוהר"ן אות של"ח, מאמר רביז"ל בשבח מוהרנ"ת ז"ל: "דוּא זָאלְסְט אִים אָן קוּקְן אִיז עֶר אַגְלַאט שְׁטִיקְל בְּלָאטֶע וְכוּ'".

[לט] עי' קונטרס טעם זקנים א' - יתרו תשל"ז.

(ר' יעקב דב: אזא הקדמה אויף ביאור הלקוטים: "המבאר, והמבוער מבינת אדם, שפל ונבזה, ולא בלשון ענוה") ולא בלשון - יא...

❖ ❖ ❖

# לבר נטלין ולא עאלין הנך כלבין דחציפין...

(ר' יעקב דב: אינטערסאנט פארוואס ס'איז נישט געווען נאך איינער זאל מאכן דעם 'ביאור הלקוטים' אז מען זאל עס קענען לערנען, ס'איז דאס איינציגער ספר אינגאנצן פון רבי'נס ספרים וואס מען קען עס נישט לערנען, ס'איז זייער שווער צו פארשטיין, איינער זאל עס מבאר זיין מען זאל פארשטיין).

דעם 'ביאור הלקוטים' האט ער געמאכט בשעת ער איז געווען אין וואלד, די אלע חידושים האט ער געמאכט דעמאלט בשעת ער איז געווען אין וואלד, דארטן האט ער געהאט טינט און פען.

בשעת ער איז געפארן אין 'ארץ ישראל', דעמאלט 'תרנ"ד' איז ער שוין אלט געווען עטליכע און פערציג יאר, דעמאלטס האט ער שוין כמעט נישט מחדש געווען, נאר געשריבן די חידושים פון פריער, מחדש געווען האט ער אליץ מחדש געווען בשעת ער איז געווען אין די וועלדער, און דעמאלט האט ער מיטגענומען מיט זיך טינט און פען מיט פאפיר.

נאר וואס דען, בכלל איז ער געווען אזוי - ער איז נישט געווען קיין גרויסער כתבא רבא, אבער ער האט געשריבן, און ממילא איז דער לשון - (קושי הבנה).

(ר' יעקב דב: דער 'כוכבי אור' זעהט מען האט ער געשריבן אנדערש, האט ער יא געשריבן גוט) **דער 'כוכבי אור' איז געווען ר' אלטער'ס לשון, ר' אלטער איז געווען זיינער א שוואגער.**[מ]

איך בין געווען אמאל א שלש סעודות מיט ר' אברהם ר' נחמן'ס, ביי ר' אלטער'ן אין שטוב, נאר מיר דריי זענען געזעצן, איז געקומען דארטן ביי שלש סעודות, ר' אברהם האט זיך צושריגן דארטן ביי "לבר נטלין ולא עאלין הני כלבין דחציפין", אז ר' נתן האט אמאל געזאגט - אז דער רבי זאגט דארטן אז די 'כלבים עזי נפש', קענן די

---

[מ] היה חתנו של ר' נחמן טולטשינער ז"ל (בזוו"ש).

מפורסמים (של שקר)[מא] - האט ער דארטן צושריגן זיך: **"כלב ארוים פון מיר! כלב ארוים פון מיר!"**, קעגן פרסום של שקר, "כלב ארוים".

"ולא עאלין הני כלבין דחציפין" - האט ער דאס גערעדט דעם דיבור פון ר' נתן'ען, אז ר' נתן האט זיך צושריגן "כלב ארוים פון מיר", ס'איז געקומען נאך הבדלה האט ר' אלטער שוין אויפגעשריבן, ער האט שוין אויפגעשריבן דעם דיבור!

דער גאנצער כוכבי אור כמעט איז וואס ר' אברהם האט גערעדט און ר' אלטער האט אויפגעשריבן.

(ר' נחמן בורשטיין: די שטיקלעך וואס ער שרייבט "מה ששמעתי מאבי", דאס האט ר' אברהם ר' נחמן'ס אליין געשריבן?) **דאס האט ער אליין!** (רנ"ב: ס'איז דא פלעצער וואס מען דערקענט זיינע לשונות).

(ר' יעקב דב: ר' משה טשענסטכאווער האט מיר געזאגט אמאל, אז בשעת ער האט גערעדט שמועסן, האט ער גערעדט אנדערש ווי ער האט געשריבן, יעדער איינער האט געקענט פארשטיין!), **אוודאי, יא יא, אז ער האט גערעדט, האט ער 'גערעדט', זייער רייך גערעדט.**

❖

# אי זכאי גמירתא מרבך

(ר' יעקב דב: ער פלעגט דערציילן - ר' משה, אז מען האט מקפיד געווען אויף ר' ישראל כהן, ער פלעגט וועלן נאר 'נייעס', נאך הערן פון אים! די אנדערע האבן געוואלט איבער'חזר'ן, זיי זאלן געדענקן די פריערדיגע, ער האט תופס געווען אלעם שנעל...).

ביי אים איז מקויים געווארן אזוי ווי די גמרא זאגט דארט, אז ר' יוחנן האט געזאגט צו ר' אלעזר'ן, ער האט געוואלט לערנען מיט אים דארטן, האט ער געזאגט, "איך בין נאך צו יונג", און נאכדעם ווען ר' יוחנן איז נפטר געווארן האט ער שוין געלערנט

---

[מא] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' כ"ב אות ד': ... כִּי יֵשׁ רוֹעִים שֶׁל הַסִּטְרָא **אָחֳרָא**, וְהֵם גַּם כֵּן מְפֻרְסְמֵי הַדּוֹר, וְכוֹפִין אֲנָשִׁים לִתְחוֹת שִׁעְבּוּדֵיהוּ, וְעִקַּר מַלְכוּתָם הוּא עַל־יְדֵי עַזּוּת, כִּי 'עַזּוּת - מַלְכוּתָא בְּלָא תָּגָא' (סַנְהֶדְרִין ק"ה.), וְהֵם כִּכְלָבִים בְּעַזּוּתָם, בִּבְחִינַת (יְשַׁעְיָהוּ נ"ו): "וְהַכְּלָבִים עַזֵּי נֶפֶשׁ הֵמָּה רֹעִים", וְהֵן 'פְּנֵי הַדּוֹר כִּפְנֵי הַכֶּלֶב' (סוֹטָה מ"ט:) ...

דאכט זיך ביי 'רב אסי', (אמר) - ווען איך וואלט זוכה געווען וואלט איך ווען געלערנט ביים דיין רבי'ן (- אי זכאי גמירתא מרבי יוחנן רבך).[מב]

דאס איז געווען ביי ישראל כהן ע"ה, ער איז געווען א געוואלדיגער אדוק אין ר' אברהם ר' נחמן'ס, ממש ער האט אים נישט אפגעלאזט א רגע, די טריט נאכגעלאפן נאך אים, און נאכדעם אז ר' אברהם איז נפטר געווארן איז "ר' שמשון" מיט "ר' געצע" האבן געהערט רעדן פון 'ישראל כהן', ער האט גערעדט און זיי זענען געזעצן, זיי האבן געהערט ווי ער האט גערעדט, האבן זיי געטראכט אין זיך "מיר האבן דאך געקענט הערן פון ר' אברהם'ען אליין".

ר' אברהם ר' נחמן'ס איז געזעצן, ער איז געווען א 'איך וויים וואס' (לא היה ניכר עליו גדלות בחייו), נאר פון אים (ר' ישראל כהן) - זיי האבן געוואוסט אז וואס ער רעדט איז אלץ פון ר' אברהם'ן, א געוואלדיגער מח האט ער געהאט, און א געוואלדיגער זכרון, ער איז געווען א הייליגער בחור, אה א קדוש.

זענען זיי געזעצן מיט א הכנעה און זיי האבן געהערט, און בשעת'ן הערן האבן מיר געזעהן - זיי האבן נישט ארויסגערעדט מיטן מויל - נאר אזוי ווי איינער רעדט מיטן מויל "מען האט דאך געקענט הערן פון ר' אברהם'ען אליין די דיבורים!".

❖ ❖ ❖

# רבי שמואל הורביץ ז"ל

(כאן חסר קצת, מדבר מר' שמואל הורוויץ ז"ל כשנסעו פעם יחדיו אל הכותל המערבי בסוף ימיו של ר' שמואל) - פון אראפגיין פונעם אויטא ארויס, גייט א בארג צום כותל ארויף, צום שער, (ר' נחמן בורשטיין: ביי דעם שער האשפות) דער גוי פלעגט זיך אפשטעלן אונטן, און מען מוז ארויפגיין צו פוס.

איז מיר געווען שווער ארויפצוגיין אזוי הויך, איך האב נישט געקענט ארויפגיין אזוי, איז ער (ר' שמואל) 'געלאפן' ארויף, זאג איך: "וואס זענט איר געלאפן אזוי?", (ענה ר' שמואל): "ס'גייט דאך אן אישה פריער, מוז מען דאך איבערלויפן פריער, נישט

[מב] עי' מס' חגיגה דף י"ג ע"א.

זיין 'אחורי אשה'!", א געוואלדיגע זאך, אזעלכע כוחות, אזא מין יראה פארן אויבערשטן, איבערלויפן פריער.

ווער כאפט זיך? "רבונו של עולם, שיק שוין משיח צדקינו, ווער איז היינט געבליבן?! ווער איז היינט דא?!".

(ר' יעקב דב: "והודו לזכר קדשו", ס'איז נאך דא א זכר פון די קדושה),[מג] יא, "וזכר קדשו", ברענגען משיח'ן - דאס איז "וזכר קדשו"! מיר דארפן איצטער האבן משיח צדקינו, מיר האבן נישט קיין כוחות, מיר האבן נישט קיין כוחות ממש.

❖

(ר' נחמן בורשטיין: ער האט געשריבן א ספר פון זיין גאנצע התקרבות; ר' יעקב דב: זיין תפיסה, זיין אומאן), יא יא, אה אה, זיין 'זיין אין אומאן' - האבן אונזערע לייט גע'זאגט "אזוי פיל האבן זיי נאכנישט געזעהן!", ער פלעגט ארויפגיין צום רבי'ן אויפן ציון 'חצות', און ער איז אראפגעלאפן צום דאווענען, ארויפגעלאפן נאכן דאווענען, און אראפגעלאפן צו מנחה!

גאנצענע טעג און גאנצענע נעכט איז ער געלעגן ביים רבי'ן אויפן ציון! ווען איז ער געשלאפן?!

אונזערע לייט האבן גערעדט, "אזעלכעס האבן מיר נאכנישט געזעהן!", אפליגן גאנצע טעג און גאנצע נעכט ביים רבי'ן אויפן ציון.

ער פלעגט זאגן אזוי: "ער גייט ארויס פון רבי'נס ציון פילט ער 'חוץ לארץ', ער איז ארויף צום רבי'ן אויפן ציון איז ער אין 'ארץ ישראל', איז ער אין 'ארץ ישראל'!".[מד]

---

[מג] עפ"י דיבורו של ר' אברהם בר"ן ז"ל, שצריכים להודות על 'זכר' מהקדושה שיש לו עדיין, עי' שיש"ק הנדמ"ח ח"ב אות קצ"א.

[מד] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' ק"ט על הפסוק "צדיקים ירשו ארץ". ובמכתבי מוהר"ן טולטשינער ז"ל בעלים לתרופה ה': אַשְׁרֵיכֶם אֲשֶׁר אַתֶּם יוֹשְׁבִים בְּצֵל אַרְעָא קַדִּישָׁא, וּמִסְתָּמָא מִשְׁתּוֹקְקִים וּמִתְגַּעְגְּעִים לְהִתְאַבֵּק בַּעֲפַר צִיּוּן הַקָּדוֹשׁ וְהַנּוֹרָא אֲשֶׁר חָפַר וּמָצָא שֹׁרֶשׁ קְדֻשַּׁת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, כַּמְרֻמָּז בִּסְפָרָיו הַקְּדוֹשִׁים וְהַנְּעִימִים. וְאַשְׁרֵינוּ שֶׁאֲנַחְנוּ זוֹכִים לְהִתְאַבֵּק בְּפֹה בַּעֲפַר צִיּוּן הַקָּדוֹשׁ וְהַנּוֹרָא אֲשֶׁר חָפַר וּמָצָא שֹׁרֶשׁ קְדֻשַּׁת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וּמִשְׁתּוֹקְקִים וּמִתְגַּעְגְּעִים לְהִתְאַבֵּק בַּעֲפַר אַדְמַת קֹדֶשׁ אֶרֶץ הַקֹּדֶשׁ. כֵּן יוֹסִף ה' עַל תְּשׁוּקָתֵנוּ לְהִשְׁתּוֹקֵק בְּהִשְׁתּוֹקְקוּת נִמְרָץ עַד שֶׁיִּגְמֹר ה' בַּעֲדֵנוּ לְטוֹב.

ער גייט ארוים אינדרויסן פילט ער 'חוץ לארץ', דערפאר וויל ער נישט זיין אינדרויסן, ווייל ער וויל דאך זיין אין 'ארץ ישראל', אוןביים רבי'ן אויפן ציון פילט ער אז 'ער איז דא אין ארץ ישראל'! געוואלדיג געווען, א געוואלד![מה]

און דעמאלט בשעת ער איז געווען אין אומאן איז ער אלט געווען 'זעקס און צוואנציג יאר', א יונגערמאן פון 'זעקס און צוואנציג יאר', אין אומאן איז ער געווען תרפ"ט, תר"צ, איך געדענק מיין משה ע"ה איז דעמאלט געווארן בר מצוה.[מו]

(ר' יעקב דב: דריי ראש השנה'ס), תרפ"ט (סוף שנת תרפ"ט בחודש אלול לקראת ר"ה שנת תר"צ), תר"צ, תרצ"א (עד אמצע שנת תרצ"ב), דעמאלט איז ער געווען, אזוי ליגן ביים רבי'ן אויפן ציון, אזוי זיין טאג און נאכט, גאנצענע נעכט, גאנצענע טעג!

אונזערע לייט האבן גערעדט דעמאלט "מען האט אזוינס נישט געזעהן!", א מענטש זאל זיין גאנצע טעג גאנצע נעכט ביים רבי'ן אויפן ציון, און ליגן מיט 'חיות' אין רבי'ן, נישט אזוי 'סתם'!

❖

ער האט מיר דערציילט (ר' שמואל), ער איז געווען אין 'סאקאלאוו' ביי "ר' מרדכי", האט ר' מרדכי גערעדט מיט אים א גאנצע צייט נאר פון ר' אברהם ר' נחמן'ס, גאנצענע נעכט און גאנצענע טעג נאר גערעדט פון ר' אברהם ר' נחמן'ס, דאס

---

[מה] עי' בכתביו 'ימי שמואל' פרק ר"א: **ובאמת באומן מתחילים להרגיש קדושת ארץ ישראל,** (כמובא שעל ידי ראש השנה אצל הצדיק מרגישין קדושת ארץ ישראל), **ובאמת אין דבר גדול מזה כשזוכין להיות בארץ ישראל, ולהיות באומן על ראש השנה על ציון הקדוש.** ושם פרק רט"ז: ובפרט בארץ ישראל מסוגל מכל המקומות, כי שם שורר הנועם העליון, והתבודדות הוא בנעימות ואהבה וחשק לשם יתברך, אשר יכולים לצאת לגמרי מהחיות מחמת האהבה וכו', ובפרט במירון עין לא ראתה, ואם היינו זוכים שאנשי שלומנו העוסקים בעבודת ה' יבואו הנה, היו יכולים לזכות פה, **כי באומן אפילו כשעובדים עבודות קשות ומכניעים מעט החומר, ותיכף שיוצאים מהציון הקדוש, מתגבר תיכף החומר כבתחילה,** וצריכים עוד פעם ועוד פעם כמו בהתחלה הראשונה, ועדין לא באו לידי ניצחון המלחמה, אבל בארץ הקודש כשזוכים בעבודת ה' אז הוא ניצחון המלחמה בנקל בלי עבודות קשות כאלו, ועדין יש הרבה לדבר ולספר בזה. וכמו שאמר לי רבי ברוך חתן רבי געצי נרו יאיר, **זה טוב מאוד ליישב בארץ הקודש, אין זין פאר בינקין צום רעבין** (להתגעגע) **לבא על הציון הקדוש לשפוך שיחו ולחזור לארץ.**

[מו] עי' ימי שמואל פרק רי"א: וביום כ"ה אלול (שנת תרצ"א) היה לנו ברית מילה אצל אחד מאנשי שלומנו, **ובר מצוה אצל רבי לוי יצחק, והחתן דיומא דרש בדברי רבנו, והתפללנו מנחה, ואכלנו הסעודה, ממש חיות אלוקות היה...**

גרויסקייט פון ר' אברהם ר' נחמן'ס, דאס גרויסקייט וואספארא מענטש דאס איז געווען, זיין פארבאהאלטנקייט.

אזוי ווי דער טירהאוויצער מגיד האט געזאגט צום רבי'ן: "איר פארבאהאלט זיך - פאר מיר אוודאי, איר וועט זיך פאר מיר נישט פארבאהאלטן!".[מז]

דאס האט מען געזעהן ביי ר' אברהם ר' נחמן'ס! ער האט זיך דא פארבאהאלטן, פארבאהאלטן, אבער גרויסע ערליכע אידן (הכירו בו) - - -

❖

# "אנשי אמת"

(ר' יעקב דב: "ר' חנא" פלעגט זאגן, אז מען האט געזעהן ר' מרדכי, א גאון עולם בנגלה, ווען ס'איז געקומען דעם קלענסטן פון אונזערע לייט, פלעגט ער ארויסגיין אין שטאט שאפן געלט פאר אים, אזא שפלות!) יא יא.

ווען איך בין געווען דעם ערשטן ראש השנה, תרע"ה, איז געווען ר' מרדכי אויף ראש השנה, ער איז שוין געווען אסאך יארן פריער, ער איז דאך נאך מקורב געווארן אין די סוף נונ'ען (בשנות תר"נ).

האב איך אים געזעהן, איך האב געוואוסט אז דאס איז א רב פון סאקאלאוו, גארנישט אזוי ווי א 'רב'! געשפרונגען און געטאנצט, מיט יעדן איינעם 'חברים', געקושט און גערעדט, דאס איז א רב?! איך האב געהערט אז דאס איז א 'גאון אין נגלה', דאס איז א רב?! אזוי גארנישט צו דערקענען אפילו, אזוי מיט חכמה באהאלטן אזוי, אז ס'איז א 'חבר' מיט אלע גלייך, און גארנישט!

אין ראש השנה האט מען אים נישט אויפגערופן, און ער איז געווען 'מקריא', מען האט אים מכבד געווען מיט מקריא, און מען האט אים נישט אויפגערופן, וואס איז אויפרופן?! אז ס'האט זיך נישט אנגעזעהן די אלע מעשה'ס דאס! געוואלד, געוואלד.

ס'איז אזוי געווען, עפעס א מין 'אמת' פונעם רבי'ן איז געלעגן אין זיי, א אמת, א שפלות, א מין אמת, זיי האבן גארנישט אינזינען געהאט די מעשה'ס, אז ס'איז א

---

[מז] כך התבטא פעם המגיד מטירהאוויצע לפני רביז"ל בתחלת התקרבותו, עי' קונטרס טעם זקנים נ"א - כי תצא תשמ"א, ועוד.

געלעכטער צו רעדן דערפון אינגאנצן, 'אויפרופן' - 'נישט אויפרופן', וואס?!... אז דער מח איז געווען פול מיט קדושה וטהרה, איז די אלע זאכן געווען ממש אזוי ווי א שטות שבשטותים! ווי קען מען אריינלייגן אין מח אזא געדאנק אז דער מח איז פול מיט אנדערע געדאנקען?! איי איי איי.

❖ ❖ ❖

# לאחוז עצמו בשורשי נשמות ישראל

הכלל היוצא לנו, אז מיר דארפן האבן אהבה צו אלע אונזערע מענטשן, נישט האבן קיין שום טינא אויף קיינעם![מח]

דער רבי זאגט אין די תורה פון 'תקעו ממשלה',[מט] מען קען נישט איינשטיין אין די 'ממשלה' - ניצול ווערן פון 'קנאת המלאכים', נאר דורכ'ן מקשר צו זיין - אנהאלטן זיך אין 'שרשי נשמות ישראל', 'כסא הכבוד'!

דאס מיינט: צו האבן אהבה צו אלע מענטשן![נ]

---

[מח] עי' חיי מוהר"ן אות רי"ח: בְּאוּמֶין קֹדֶם רֹאשׁ־הַשָּׁנָה הָאַחֲרוֹן הָיָה מְסַפֵּר עִם אֲנָשִׁים שֶׁלּוֹ מֵעִנְיַן הִסְתַּלְּקוּתוֹ ... אָז סִפְּרוּ אֲנָשָׁיו עִמּוֹ וְהָיוּ מִתְאַנְּחִים מְאֹד כִּי מַה נַּעֲשֶׂה וְעַל מִי יַעֲזֹב אוֹתָנוּ. וְהֵשִׁיב, רַק אַתֶּם תַּחֲזִיקוּ עַצְמְכֶם בְּיַחַד, אָז תִּהְיוּ אֲנָשִׁים כְּשֵׁרִים, וְלֹא כְּשֵׁרִים בִּלְבַד אֶלָּא אֲפִלּוּ צַדִּיקִים וְטוֹבִים תִּהְיוּ ... ועי' ליקוטי תפלות חלק שני תפלה ל"ד: ... וְיִתְבַּטֵּל כָּל מִינֵי מַחֲלֹקֶת מִן הָעוֹלָם, וְיִתְרַבֶּה שָׁלוֹם גָּדוֹל בָּעוֹלָם ... וּבִפְרָט בֵּין הַחֲבֵרִים הַחֲפֵצִים לְיִרְאָה אֶת שְׁמֶךָ...

[מט] עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא תו' א': ... וְצָרִיךְ כָּל אֶחָד לִרְאוֹת שֶׁיָּבוֹא לְזֶה הַתַּכְלִית, שֶׁיִּהְיֶה לוֹ מֶמְשָׁלָה עַל מַלְאָכִים, אַךְ צָרִיךְ לִשְׁמֹר עַצְמוֹ מְאֹד וְלִרְאוֹת שֶׁיִּהְיֶה לוֹ כֹּחַ לַעֲמֹד בְּמֶמְשָׁלָה זוֹ, שֶׁלֹּא יְקַנְּאוּ בּוֹ מַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת וְיַפִּילוּ אוֹתוֹ ח"ו ... וְהָעֵצָה עַל זֶה לְקַשֵּׁר עַצְמוֹ עִם נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, וְעַל־יְדֵי הַהִתְקַשְּׁרוּת נִצּוֹל מֵהֶם, וְזֶה בְּחִינַת: "מְאַחֵז פְּנֵי כִסֵּא", שֶׁצָּרִיךְ לֶאֱחֹז עַצְמוֹ בְּשָׁרְשֵׁי הַנְּשָׁמוֹת, הַחֲצוּבוֹת מִתַּחַת כִּסֵּא הַכָּבוֹד...

[נ] עי' ליקוטי הלכות הל' גביית חוב מהלקוחות ואפותיקי אות מ': ... כִּי כְּבָר מְבֹאָר שֶׁעִקַּר קִיּוּם הָאָדָם וְתִקּוּנוֹ הַנִּצְחִי הוּא עַל יְדֵי שֶׁיֹּאחֵז עַצְמוֹ בְּכִסֵּא הַכָּבוֹד, שֶׁהוּא שָׁרְשֵׁי נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל וְכוּ' וְכוּ' וְכַנַּ"ל, וְעַל כֵּן בְּוַדַּאי צְרִיכִין לָזֶה שֶׁיִּהְיֶה שָׁלוֹם גָּדוֹל עִם כָּל יִשְׂרָאֵל, וְשֶׁיִּהְיֶה שָׁלוֹם בֵּין כָּל אֶחָד לַחֲבֵרוֹ, כְּדֵי שֶׁיִּתְקַשְּׁרוּ יַחַד בְּאַהֲבָה וְשָׁלוֹם כָּל שָׁרְשֵׁי נִשְׁמוֹתָם, וְלֹא יִהְיֶה בֵּינֵיהֶם שׁוּם פֵּרוּד עַל יְדֵי אֵיזֶה שִׂנְאָה וּמַחֲלֹקֶת ח"ו, כְּדֵי שֶׁיּוּכַל לְהִתְאַחֵז בְּשָׁרְשֵׁי נַפְשׁוֹתָם, הַנִּכְלָלִים יַחַד עַל יְדֵי הָאַהֲבָה וְהַשָּׁלוֹם.

אזוי ווי דער רבי האט א עצה געגעבן קעגן האבן 'התמדה': "מען זאל נישט רעדן אויף קיין שום בר ישראל!",[נא] קעגן התמדה אין לימוד התורה, אזוי איז די עצה זיך האלטן זיך אינעם רבי'ן, און זיין נאנט צום רבי'ן - מען זאל נישט רעדן אויף קיינעם!

❖

# להקטין את עצמו לפני קטנים ממנו

ס'איז געווען אמאל דארטן אין אומאן, א יונגערמאן האט זיך צוקריגט דארטן אין שטוב, האט מען אים געזאגט: הער זיך איין, "איש ואשה זכו שכינה שרויה ביניהם",[נב] טאמער וועט איר זיך קריגן אנטלויפט די שכינה! זי קען נישט ליידן קיין מחלוקת, טאמער וועסטו זיך קריגן מיט איר וועט די שכינה אנטלויפן!".

דארטן וואו מען קריגט זיך ארום, דארטן איז קיין שכינה נישטא, זי קען נישט ליידן קיין קריגן זיך, אנטלויפט זי באלד.

די "שכינה שרויה" מיט "דעם רבי'נס זאך" - זאל זיין ביי אונז, מוז מען זעהן אינטערגארטלען זיך, און אונטערנעמען - מיט יעדן האבן אהבה, אויף קיינעם נישט רעדן! קען מען האפן אז דארטן וועט זיך עפעס האלטן א נקודה פונעם רבי'ן.

(ר' יעקב דב: דאס קען מען נאר, אז מען גייט מיט די מעשה וואס דער רבי זאגט: "דאס איז יענעם'ס מעשה און דאס איז מיין מעשה!"),[נג] יא יא, אלע מיני עצות זאל מען זיך גיבן!

וואס מיינט דער רבי אין די תורה פון 'חנוכה', מיר האבן געלערנט די הייינטיגע וואך: "זיך האלטן קלענער פון קטנים ממנו"[נד]? ער זעהט אין אים עוולות, און אים דאכט זיך אז 'ער' האט נישט די עוולות, קומט אויס בין איך דאך גרעסער פון אים!

---

[נא] עי' שיחות הר"ן אות צ"א: סְגֻלָּה לְהַתְמָדָה שֶׁיִּזְכֶּה לִהְיוֹת מַתְמִיד בְּלִמּוּדוֹ, הוּא לְהִזָּהֵר לִבְלִי לְדַבֵּר עַל שׁוּם אִישׁ יִשְׂרְאֵלִי... ועי' חיי מוהר"ן אות ל"ד.

[נב] עי' מס' סוטה דף י"ז ע"א.

[נג] עי' סיפורי מעשיות - מעשה ט' מחכם ותם.

[נד] ליקוטי מוהר"ן תו' י"ד אות ה': כִּי צָרִיךְ הָאָדָם לְהַקְטִין אֶת עַצְמוֹ לִפְנֵי גְּדוֹלִים מִמֶּנּוּ, וְלִפְנֵי בְּנֵי־אָדָם כְּעֶרְכּוֹ, וְלִפְנֵי קְטַנִּים מִמֶּנּוּ, וְלִפְעָמִים שֶׁהוּא בְּעַצְמוֹ קָטָן שֶׁבִּקְטַנִּים, וְצָרִיךְ לְהַקְטִין אֶת עַצְמוֹ כְּנֶגֶד מַדְרֵגַת עַצְמוֹ, וִידַמֶּה בְּעֵינָיו שֶׁהוּא לְמַטָּה מִמַּדְרֵגָתוֹ, בִּבְחִינַת: "שְׁבוּ אִישׁ תַּחְתָּיו".

זאגט דער רבי: ער זאל זיך האלטן קלענער, אפילו ער איז 'קטנים ממנו', און טאמער ער איז דער 'קלענסטער' זאל ער אפילו פון זיך אליין אויך האלטן קלענער!

זעהען מיר דאך אז דער גאנג פונעם רבי'ן איז געווען - (שפלות ואהבת חברים)!

אז נישט - וואלט "ר' נתן" געווען געקענט זיך האלטן מיט אונזערע לייט?! ער איז געווען אזא 'בעל מח', און אזא מין 'קדוש', אזא מין 'בעל השגה', און ער האט זיך געהאלטן מיט א 'טעפער' (מוכר קדירות),[נה] און מיט אלע גע'חבר'ט זיך!

ווי האט ער געקענט אויפשטעלן אזא מין 'קיבוץ' נאכן רבי'נס הסתלקות?! נאר דערפאר ווייל ער האט זיך מיט יעדן איינעם גע'חבר'ט, ער האט קיינעם נישט אוועקגעשטעלט!

ער האט געזעהן אז יענער איז נישט ער! ער האט דען נישט געזעהן?!

אז דער רבי זאגט דארטן 'דן זיין לכף זכות',[נו] מיינט דער רבי אז מען זאל מאכן די עוולה פאר 'אוים עוולה'?! אבער יענער זאל נישט ווערן פון דיר דערווייטערט צוליב דעם! די עוולה איז טאקע אן עוולה, אבער יענער דארף נישט ווערן דערווייטערט צוליב דיר![נז]

**דער רבי האט געזאגט אזוי: "אין צוויי זאכן זאג איך אנדערש פון די וועלט, די וועלט זאגט אז א צדיק קען נישט טוהן קיין שום עוולה, און אז ער טוהט אן עוולה ווערט ער שוין 'אוים צדיק'! (ואני אומר) א צדיק קען טוהן אן עוולה, און נאך די עוולה קען ער - טוהט ער תשובה - צוריק זיין א 'צדיק'!".**

נו דאס איז היינט פון די 'יסודות' - מיר האבן דאך נישט היינט די גדולים, די איינציגע מענטשן - אפילו די וואס מען האט אויסגערעכנט דא - נפטר, נפטר, נפטר!

---

[נה] עי' קונטרס טעם זקנים מ"ח - שנת תש"ל.

[נו] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' רפ"ב עה"פ "ועוד מעט ואין רשע" וכו'.

[נז] עי' ליקוטי הלכות הל' ברכות הראי' וברכות פרטיות ה' אות ו': ... וַאֲפִלּוּ אִם רוֹאֶה שֶׁחֲבֵרוֹ אֵינוֹ הוֹלֵךְ בְּדֶרֶךְ הַיָּשָׁר, אַף-עַל-פִּי-כֵן הוּא דָּן אוֹתוֹ לְכַף זְכוּת, וּמִשְׁתַּדֵּל לִמְצֹא בּוֹ גַּם-כֵּן אֵיזֶה נְקֻדָּה טוֹבָה, כַּאֲשֶׁר הִזְהִירָנוּ הוּא ז"ל עַל זֶה מְאֹד, כַּמְבֹאָר בִּדְבָרָיו הַקְּדוֹשִׁים בְּכַמָּה מְקוֹמוֹת, וְאִם אֶפְשָׁר לוֹ לְדַבֵּר עִם חֲבֵרוֹ בֶּאֱמֶת וּבִתְמִימוּת בְּלִי נִצָּחוֹן שֶׁל שֶׁקֶר לְהַטּוֹת חֲבֵרוֹ אֶל הָאֱמֶת לַהֲשִׁיבוֹ לְדֶרֶךְ הַיָּשָׁר מַה טּוֹב וּמַה נָּעִים, וְאִם לָאו אַף-עַל-פִּי-כֵן אֵינוֹ שׂוֹנֵא אוֹתוֹ, אַדְּרַבָּה אוֹהֵב אוֹתוֹ גַּם-כֵּן, כִּי מִשְׁתַּדֵּל לִמְצֹא בּוֹ גַּם-כֵּן נְקֻדּוֹת טוֹבוֹת כְּדֵי שֶׁיּוּכַל לְהִתְמַזֵּג עִמּוֹ וְלֶאֱהֹב אֶת עַצְמוֹ עִמּוֹ...

"ר' שמואל הורוויץ", "ר' בנציון אפטער", ווער איז אונז געבליבן?! און אז מיר וועלן דא נאך ווען זוכן, 'דער יא' 'דער נישט', מיט וועמען? וועט דאך קיינער נישט איבערבלייבן!

מאכן חילוקים, 'דער יא' 'דער נישט'?! האבן מיר דאך קיינעם, איז דאך גארנישט! איז דו אליין ביסט דער ערליכער איד?! און דו ביסט דער יסוד פון די וועלט?!...

מוז מען טאקע נעמען אויף זיך ממש די זאך, אזוי אונטערגארטלען זיך, יעדער איינער זאל ביי מיר נישט אראפפאלן! כאטש איך זעה ביי אים אן עוולה - 'איך' האב ביי זיך עוולות וואס יענער האט זי נישט! נאר יענער ווייסט נישט פון מיין עוולה...

ממש אלע מיני גדרים, מיט אלע מיני עצות, באופן אז קיינער זאל ביי מיר נישט אראפפאלן! דאס איז א גרויסער יסוד אינעם רבי'נס זאך.

❖

# רק תחזיקו עצמם יחד

אונזערע לייט פלעגן זאגן: דער רבי איז א געוואלדיגע אור, נאר אז ס'איז 'ברבים' קען זיך האלטן דער אור, 'נאר איינער אליין' - ביי איינעם אליין איז שווער ס'זאל זיך האלטן דער אור! (ר' יעקב דב: רבי נתן ברענגט עס),[נח] יא יא, דאס איז אלץ דיבורים פון ר' נתן'ען.

דאס קען נישט זיין, ווי דער מענטש איז אזוי גרויס - ביי אים אליין קען נישט זיין דער אור פונעם רבי'ן!

❖

איך דערמאן זיך טאקע ר' שמואל הורוויץ, א געוואלד, ער פלעגט אמאל דארטן ביי א תורה - אמאל ביים סוף האט ער גערעדט צו שארף, "אבער ס'איז דאך געווען צו הערן דיבורים!", יעדעס מאל האט מען געהערט פון אים 'דיבורים', און מען האט

---

[נח] עי' ליקוטי הלכות הל' תפילין ב' אות ד': ... כִּי בְּוַדַּאי כָּל אֶחָד וְאֶחָד בִּפְרָט, הוּא רָחוֹק מְאֹד מִצַּדִּיק הַדּוֹר, וְאִי אֶפְשָׁר לְקַבֵּל מִמֶּנּוּ רַק עַל-יְדֵי כְּלָלִיּוּת יִשְׂרָאֵל, עַל-יְדֵי זֶה נִמְשֶׁכֶת הַהֶאָרָה, וְאָז יָכוֹל לְקַבֵּל כָּל אֶחָד וְאֶחָד בִּפְרָט גַּם כֵּן ... כִּי עַל-יְדֵי רַבִּים יֵשׁ לָהֶם כֹּחַ לְקַבֵּל הֶאָרָתוֹ הַגְּדוֹלָה, וְאָז יָכוֹל גַּם כָּל אֶחָד וְאֶחָד לְקַבֵּל, כִּי נִשְׁתַּלְשְׁלָה הַהֶאָרָה עַל-יְדֵי כְּלָלִיּוּת יִשְׂרָאֵל... ועי' עוד מזה בהל' נזיקין ד' אות י"א באריכות.

געזעהן א איד - אז ער רעדט דיבורים וואס ער האלט דערביי, ער הארעוועט אין דערינען!

ער איז דאך געווען אינגאנצן אויסגעטוהן, ער איז נאר געלעגן אין רבי'נס זאך, א פאר צוריסענע שיך, הויזן, ער האט אויף גארנישט געקוקט! טאג און נאכט פארשלאסן - געלעגן אין רבי'נס זאך, און געהיט די 'אויגן', געהיט דעם 'געדאנק'! א געוואלד, א געוואלד.

דער מענטש פעלט דאך - דער מענטש! דער מענטש פעלט דאך!

איז אז מיר זענען געבליבן, לאמיר זיך האלטן אינאיינעם, לאמיר זיך וויסן אז דאס איז דעם רצון פונעם רבי'ן, "מען זאל זיך האלטן אינאיינעם"!

❖

# 'רחימין דנפשאי'

אזעלכע 'תורות' וואס דער רבי האט ארויסגעגעבן, ס'איז דאך געוואלדיגע געפילן, געוואלדיגע תורה! נאר - די תורות גייט נאר אויף דעם אופן, אז 'אהבה' אן 'אהבה'![נט]

א זוהר איז דא אין 'כי תשא',[ס] רבי שמעון פרעגט א 'קשיא' א גרויסע, און איידער ער ענטפערט דעם 'תירוץ' זאגט ער צו די חברייא 'רחומין דנפשאי' - די ליבשאפט (צו אייך) איז איינגעבאקן מיר אין הארצן!

---

[נט] עי' ליקוטי עצות - ערך צדיק אות כ"ד (ע"פ ליקו"מ תו' י"ג): אֵלּוּ הָאֲנָשִׁים הַנּוֹסְעִים וּבָאִים לְצַדִּיקֵי אֱמֶת, רָאוּי שֶׁיִּתּוֹסֵף בָּהֶם אַהֲבָה זֶה לָזֶה, וִיעוֹרְרוּ וְיַזְכִּירוּ זֶה אֶת זֶה בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, וְזֶה סִימָן שֶׁהָיְתָה כַּוָּנָתָם רְצוּיָה בְּעֵת שֶׁהָיוּ אֵצֶל הַצַּדִּיק וְהִתְחִילוּ לְהִתְחַדֵּשׁ לְטוֹבָה.

[ס] דף ק"צ ע"ב: ... שָׁאִילְנָא וַאֲמֵינָא וְהָא לָא יָדַעְנָא בְּרִירָא דְּמִלָּה, עַד דְּנֶהֱוֵי קָמֵיהּ דְּבוּצִינָא קַדִּישָׁא, כַּד אָתוּ לְקָמֵיהּ דְּרַבִּי שִׁמְעוֹן, חָמָא בְּאַנְפַּיְיהוּ סִימָן, אָמַר עוּלוּ בְּנֵי קַדִּישִׁין, עוּלוּ רְחִימִין דְּמַלְכָּא, עוּלוּ רְחִימִין דִּילִי, עוּלוּ רְחִימִין אִלֵּין בְּאִלֵּין. דְּאָמַר רִבִּי אַבָּא, כָּל אִלֵּין חַבְרַיָּיא, דְּלָא רְחִימִין אִלֵּין לְאִלֵּין, אִסְתַּלָּקוּ מֵעָלְמָא עַד לָא מָטָא זִמְנַיְיהוּ, כֹּל חַבְרַיָּיא בְּיוֹמוֹי דְּרַבִּי שִׁמְעוֹן, רְחִימוּ דְּנַפְשָׁא וְרוּחָא הֲוָה בֵּינַיְיהוּ, וּבְגִין כָּךְ בְּדָרָא דְּרִבִּי שִׁמְעוֹן בְּאִתְגַּלְיָיא הֲוָה, דְּהֲוָה אָמַר רִבִּי שִׁמְעוֹן, כָּל חַבְרַיָּיא דְּלָא רַחֲמִין אִלֵּין לְאִלֵּין, גַּרְמִין דְּלָא לִיהַךְ בְּאֹרַח מֵישָׁר, וְעוֹד דְּעַבְדִּין פְּגִימוּ בָּהּ, דְּהָא אוֹרַיְיתָא רְחִימוּ וְאַחֲוָה וּקְשׁוֹט אִית בָּהּ. אַבְרָהָם רָחִים לְיִצְחָק, יִצְחָק לְאַבְרָהָם, מִתְחַבְּקָן דָּא בְּדָא, יַעֲקֹב תַּרְוַויְיהוּ אֲחִידָן בֵּיהּ, בִּרְחִימוּ, וּבְאַחֲוָה, יָהֲבִין רוּחַיְיהוּ דָּא בְּדָא, חַבְרַיָּיא כְּהַהוּא דּוּגְמָא אִצְטְרִיכוּ,

פלעגט מען זאגן ביי אונז: אויף די קשיא ענטפער א 'תירוץ'?! פארוואס פאדערט ער 'רחימין דנפשאי' און נאכדעם האט ער געענטפערט?!

פלעגן אונזערע לייט זאגן: ווער ווייס וואס מיר וואלטן זוכה געווען דורכ'ן רבי'ן, ווען מיר זאלן זיך האלטן גוט!

דער רבי וויל געבן, ער וויל אונז געבן געפילן, "נאר האלט זיך אינאיינעם וועל איך אייך געבן"!

**"ווער ווייס וואס מיר וואלטן געקענט זוכה זיין דורכ'ן רבי'ן ווען מיר זאלן זיך האלטן אינאיינעם!".**

א קשיא דארטן (אין זוהר) וועגן דעם 'עגל', און דערנאך גייט א 'תירוץ', איך ווייס נישט דארטן - אבער איך זעה אז די 'חברייא' זענען געוואלדיג געשפרונגען פון די 'קשיא' און פון דעם 'תירוץ', און איידער ר' שמעון ענטפערט דעם תירוץ איז דא עטליכע שורות דארטן אין זוהר, "רחימין דנפשאי", מיט עפעס א ליבשאפט, און נאכדעם האט ער געענטפערט דעם 'תירוץ'!

פריער האט ער גארנישט געקענט ענטפערן דעם 'תירוץ', האט ער געמאכט אזא מין אהבה - 'איין נפש', האט ער געקענט ארויסגעבן די השגה פון דעם תירוץ! - דאס איז דאך 'השגות אלקות'.

פלעגט מען זאגן: "ווער ווייס וואס מיר וואלטן זוכה געווען דורכ'ן רבי'ן ווען מיר זאלן זיך האלטן אינאיינעם!".

מיר מיינען דאך אז מיר קענען מאכן עפעס ביי דעם רבי'ן, אז 'דער' געפעלט מיר נישט, 'דער' געפעלט מיר נישט - ניין! דער רבי וויל דאס נישט, ער וויל דאס נישט!

האלט זיך אין איינעם, וועט ארויסגיין די עצות, אזעלכע געפילן פונעם רבי'ן, יעדער איינער וועט זיך אויסבעסערן!

❖

נו, ס'איז איצטער חנוכה, הגיע זמן תפילה! דער אויבערשטער זאל אונז העלפן!

---

וְלָא לְמֶעְבַּד פְּגִימוּ ... בָּכָה רִבִּי שִׁמְעוֹן וְאָמַר, חַד מִלָּה מֵאִינּוּן מִלִּין דִּלְחִישׁוּ לִי מִגּוֹ רֵישׁ מְתִיבְתָּא דְּגִנְתָּא דְּעֵדֶן, דְּלָא אָמְרוּ בְּאִתְגַּלְיָא מִלָּה דָּא סִתְרָא אִיהִי, וְאֵימָא לְכוּ בָּנַי רְחִימָאי, בָּנַי רְחִימִין דְּנַפְשָׁאי...

אזוי ווי 'חנוכה' רעדט דאך ר' נתן אין די הלכה,[סא] 'אפילו למטה מעשרה' איז יורד דארט די שכינה, אזא מין סארט התקרבות צום אויבערשטן, אזוי זאל ביי אונז אויך אזוי זיין, 'למטה מעשרה', אויף גארנישט קוקן! דער רצון פונעם רבי'ן איז געווען מען זאל זיך האלטן אינאיינעם, מען זאל נישט זוכן קיין חסרון איינער אויפן צווייטן!

❖

# כבוד אלקים הסתר דבר

נאך א זאך, אז דו זוכסט 'חסרונות' אויף יענעם, איז מען אויף דיר אויך מדקדק: "און ווער ביסטו?! ווער ביסטו?! דו זוכסט 'חסרונות' אויף יענעם? און דו ביסט שוין א פארטיגער?!".[סב]

דער רבי זאגט אין די תורה פון 'קרא את יהושע':[סג] "הכל חוקרים אחריו", פלעגן אונזערע לייט זאגן, 'אחריו' מיינט מען 'נאך אים', 'דארטן' (בעולם העליון)! דער עיקר איז דארטן! אז דארטן איז די חקירה - "ווער איז ער? וואס קומט אים עפעס אזא מין כבוד?! וואס וויל ער עפעס כבוד? מי הוא זה?!", 'דארטן' הויבט מען אן פרעגן אויף אים, אז דארטן פרעגט מען - טויג נישט, הויבט מען אים אן דן צו זיין - ווערט דאך א גאנצער געשעפט!

אבער "כבוד אלקים הסתר דבר", קיינער טאר נישט פרעגן אויף אים, "כי אסור לחקור על הכבוד הזה", מען טאר נישט פרעגן אויף אזא מין כבוד "וועלכעס איז דער כבוד אלקים?" - ווען איך מיין נאר דעם אויבערשטנ'ס כבוד.

---

[סא] עי' ליקוטי הלכות הל' השכמת הבוקר ד' אות י': ... שֶׁהַצַּדִּיקִים הַגְּדוֹלִים מְאֹד מַמְשִׁיכִין תִּקּוּנִים נִפְלָאִים כָּאֵלֶּה עַד שֶׁמְּאִירִין בְּחִינַת הַשָּׂגוֹת אֱלֹקוּת עַל-יְדֵי הַצִּמְצוּמִים גַּם לְמַטָּה בִּדְיוֹטָא הַתַּחְתּוֹנָה מְאֹד, שֶׁהוּא בְּחִינַת לְמַטָּה מֵעֲשָׂרָה טְפָחִים שֶׁמֵּעוֹלָם לֹא יָרְדָה הַשְּׁכִינָה לְשָׁם (סוכה ה'), וְעַתָּה עַל-יְדֵי תֹּקֶף הַנֵּס מַדְלִיקִין שָׁם דַּיְקָא הַנֵּר חֲנֻכָּה הַקָּדוֹשׁ וְהַנּוֹרָא, שֶׁהוּא בְּחִינַת הַמְשָׁכַת הַשָּׂגַת אֱלֹקוּת עַל-יְדֵי הַצִּמְצוּמִים לְמַטָּה לְמַטָּה לְהָאִיר בְּכָל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל לְכָל מִי שֶׁרוֹצֶה לְקַבֵּל אֲפִלּוּ אִם הוּא הַגָּרוּעַ שֶׁבַּגְּרוּעִים...

[סב] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' קי"ג על "ונפרעין מן האדם מדעתו ושלא מדעתו" עיי"ש.

[סג] ליקוטי מוהר"ן תו' ו' אות א': ... כִּי מִי שֶׁרוֹדֵף אַחַר הַכָּבוֹד אֵינוֹ זוֹכֶה לִכְבוֹד אֱלֹקִים אֶלָּא לְכָבוֹד שֶׁל מְלָכִים, שֶׁנֶּאֱמַר בּוֹ: "כְּבֹד מְלָכִים חֲקֹר דָּבָר", וְהַכֹּל חוֹקְרִים אַחֲרָיו וְשׁוֹאֲלִים: מִי הוּא זֶה וְאֵיזֶהוּ, שֶׁחוֹלְקִים לוֹ כָּבוֹד הַזֶּה, וְחוֹלְקִים עָלָיו, שֶׁאוֹמְרִים שֶׁאֵינוֹ רָאוּי לַכָּבוֹד הַזֶּה. אֲבָל מִי שֶׁבּוֹרֵחַ מִן הַכָּבוֹד, שֶׁמְּמַעֵט בִּכְבוֹד עַצְמוֹ וּמַרְבֶּה בִּכְבוֹד הַמָּקוֹם, אֲזַי הוּא זוֹכֶה לִכְבוֹד אֱלֹהִים, וְאָז אֵין בְּנֵי־אָדָם חוֹקְרִים עַל כְּבוֹדוֹ אִם הוּא רָאוּי אִם לָאו, וְעָלָיו נֶאֱמַר: "כְּבֹד אֱלֹקִים הַסְתֵּר דָּבָר", כִּי אָסוּר לַחֲקֹר עַל הַכָּבוֹד הַזֶּה...

אז איך מיין נאר דעם אויבערשטנ'ס כבוד איז דאך נישט שייכות צו זאגן - 'דער געפעלט מיר נישט', יעדער איינער געפעלט דאך מיר!

אז איך מיין נאר דעם אויבערשטנ'ס כבוד איז נישט שייכות צו זאגן - איז 'הסתר דבר' - טאר מען נישט רעדן אויף קיינעם!

דער אויבערשטער זאל רחמנות האבן אויף אונז.

❖ ❖ ❖

# ר' משה גראהמאן ז"ל

(רלו"י שואל מר' יעקב דב על "ר' משה גראהמאן")[סד] וואס מאכט ער 'משה' מיט זיין געזונט, ער איז געווען קראנק גאר? (ר' יעקב דב: ער איז בעסער, ער איז געזונט, ער האט זיך ארויסגעדרייט! ער זיצט אין סאטמאר אין בית המדרש, ער פארקויפט דארטן דעם רבי'נס ספרים, ער זיצט דארטן יעדן טאג אפאר שעה).

"חיים משה בן יוטא", 'חיים' האט מען אים צוגעגעבן א נאמען, ער האט געהייסן נאר 'משה', ווען ער איז געווען שלאַף האט מען אים צוגעגעבן א נאמען 'חיים'.

(ר' נחמן בורשטיין: איך גערענק איך בין געשטאנען לעבן אים, און ער האט פרובירט צו פארקויפן א 'סיפורי מעשיות' דארטן, צו א 'לקוטי מוהר"ן' דאכט זיך מיר, "וואס ארט אייך? דאס איז א 'סגולה' - זאגט ער - ס'זאל זיין אין שאפע, ס'איז א סגולה אין שטוב, ס'איז א שמירה, וואס ארט דיר, וואס קאסט אייך דאס? א גארנישט!", ער האט גערעדט אזוי געשמאק, און ער פארקויפט, מיר דאכט זיך אז ער איז דער איינציגער מפיץ היינט בדור הזה, וואס זאל צושפרייטן ספרים ממש אזוי פיל, דעם רבי'נס ספרים!)

(ר' חיים שלמה ראטענבערג: ער פארקויפט די ספרים פון רבי'ן אין סאטמארער בית מדרש, ער רעדט דיבורים פון רבי'ן, אן אלטער איד ער זיצט דארטן האט יעדער 'דרך ארץ' פאר אים).

❖ ❖ ❖

[סד] ר' חיים משה ב"ר דוד גרומאן-ליקוב'ער מאנ"ש, נולד תרס"ז, קירב את ר' מיכל דורפמאן בקייב, עלה לא"י שנת תרצ"ג, בשנת תש"א הו"ל ספר "ארץ ישראל" מלוקט מספרי רביז"ל ותלמידיו, במשך השנים היגר לארה"ב (וזה מה שרלוי"צ דורש כאן משלומו מאנ"ש דארה"ב], נלב"ע י"ב סיון תשמ"ג והובא למנוחות בא"י.

# טובה הארץ מאוד מאוד

(ר' יעקב דב: ר' אברהם ר' נחמן'ס האט געזאגט, "ודור רביעי ישובו הנה"[סה] - דער רבי, ר' נתן, ר' נחמן טולטשינער, דער 'רביעי' דארף גיין דורך ארץ ישראל) **נו.**

(הנ"ל: מען קומט אויף ארץ ישראל איז דא 'איבערגייעכצער' פארן קומען, און אין ארץ ישראל גייט אויך איבער אסאך, ביז מען איז זוכה צו זיין א ארץ ישראל'דיגער).

**דער אויבערשטער זאל העלפן, דער עיקר איז מען זאל חלילה נישט זיין פון די 'מוציאי דיבה', ארץ ישראל איז דאך "טובה הארץ מאד מאד! טובה הארץ מאד מאד!".**

(ר' יעקב דב: ווען איז דאס "טובה הארץ"? "מאד מאד" - אז מען האלט ביי "מאד מאד הוי שפל רוח", דעמאלטס איז 'טובה הארץ'...),[סו] **אה!**

**עס שטייט דאך אזוי, "ענוים יירשו ארץ", 'ענוים' - 'ירשו' הייסט א קביעות, "ענוים יירשו ארץ",[סז] זיי קענען ירש'ענען ארץ ישראל.**

❖ ❖ ❖

# לסתום עיניו מחיזו דהאי עלמא

(כאן חסר קצת, כנראה שמדברים ממה שרבינו הקפיד שהבגדים יהיו נקיים ובלתי קרועים), **די מלבוש טאר נישט זיין צוריסן, ס'זאל נישט זיין פארשמירט.**[סח]

**ר' בנציון** (אפטער) **האט געהאט עפעס א טעם אין דעם, ער האט געהאט עפעס א טעם דערין בנציון - פארוואס ער האט זיך אזוי געפירט זיך אין די אינגע יארן, ער**

---

[סה] בראשית ט"ו ט"ז.

[סו] ספר 'בת עין' ריש פרשת שלח.

[סז] תהלים ל"ז י"א.

[סח] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' כ"ט אות ג', ותו' קכ"ז.

האט זיך פארבאהאלטן זיך אזוי, מען זאל פון אים לאכן, ער האט געהאט אזא מין טעם האט ער געהאט אין זיך...

(רח"ש: ר' אברהם ר' נחמן'ס פלעגט אויך מאכן מען זאל לאכן פון אים?) ניין ניין, ער האט זיך פארבאהאלטן, ער איז געווען א געוואלדיגע הצנע לכת, א אנדערע מח געווען, א מח פון השגות אלקות.

❖

(רמ"ב: וואס האט ער געליטן אויף די אויגן?) ער האט זייער אסאך געוויינט אין די יוגענט, ער האט געזאגט אז ער מוז פארהאמערן די אויגן, ס'זאל נישט קענען לאזן קיין טרערן, ער האט מורא ער זאל נישט ווערן בלינד אינגאנצן!

פונדעסטוועגן טאקע אויף די עלטער האט ער נישט געקענט קוקן אין קיין ספר, ער האט נישט געקענט אריינקוקן אין קיין ספר, ראש השנה האט ער זיך אוועקגעזעצט לעבן איינעם - (זאל אים פארזאגן יוצרות וכו'), (רמ"ב: ר' אלי' חיים זאגט אז ער פלעגט אים זאגן פייט).

(רמ"ב: ר' אלי' חיים זאגט אז ר' בנציון פלעגט גיין מיט ר' אברהם ר' נחמן'ס אין מקוה, ער פלעגט גיין צו די בעסערע מקוואות וואס ס'איז געווען א שוויץ דארט, זאגט ער דארטן איז געווען עפעס א אשה, איז בנציון האט אמאל געזאגט אז ער האט בילבולים, האט ר' אברהם ר' נחמן'ס געזאגט: מער זאלסטו נישט קומען מיט מיר!) יא יא, אוודאי, "אויב דו האסט בילבולים, זאלסטו מער נישט קומען".

(רמ"ב: ער זאגט אויך ר' הירש לייב, אז וועלוול פלעגט עסן ביי עקיבא סטעלמאך, דארטן איז געווען מיידלעך, ר' אברהם ר' נחמן'ס האט געזאגט, די ערשטע זאך זאלסט אפציען פון דארטן! א 'בחור' - ער האט נישט געהאט וואו צו עסן!) נישטא וואס צו רעדן, וואס? מען דארף זיך היטן!

ר' נתן האט געהאט אויבן א הויכע שטוב, אויבן, און ער האט פארהאנגען די פענסטער, רבי נתן האט פארהאנגען דעם פענסטער! (ואמר): "וואס ווינציגער א קוק אין דער וועלט איז בעסער!".[סט]

---

[סט] עי' ליקוטי עצות - ערך השגות והתנוצצות אלקות, אות י"א (ע"פ ליקו"מ ס"ה): צָרִיךְ לְהַרְגִּיל אֶת עַצְמוֹ בְּכָל פַּעַם בִּבְחִינַת בִּטּוּל, לְהִסְתַּכֵּל רַק עַל הַתַּכְלִית הַטּוֹב הָאֲמִתִּי הַנִּצְחִי, וְזֶה עַל־יְדֵי שֶׁיִּסְתֹּם עֵינָיו מֵחֵיזוּ דְּהַאי עָלְמָא, כִּי אִי אֶפְשָׁר לְהִסְתַּכֵּל וּלְהִכָּלֵל בְּהַתַּכְלִית כִּי אִם עַל־יְדֵי סְתִימוּ דְּעַיְנִין, שֶׁיִּסְתֹּם עֵינָיו לְגַמְרֵי מֵחֵיזוּ דְּהַאי עָלְמָא...

ס'דא א מעשה פון א 'קאפן טיכל' אויפן זייגער, און דער רבי האט געהייסן (אוועקנעמען) - - -[ע]

❖ ❖ ❖

# אשר אין חליפות למו

(כאן חסר קצת, כנראה שמדברים בענין המבואר בביאור הלקוטים תנינא ז' אות פ"ה, והוא ע"פ חיי מוהר"ן סימן מ"ו)[עא]

(ר' נחמן בורשטיין: דער רבי האט מרמז געווען "ר' יוסקא" אין די תורה 'כי מרחמם ינהגם', "חליפות", דער רבי רעדט דארטן פון "בנים ותלמידים", האט דער רבי מרמז געווען 'בנים' אויף ר' יוסקא'ן. ס'איז דא א גאנצע שיחה אין חיי מוהר"ן וועגן דעם, א פלא'דיגע שיחה, ווי דער רבי האט אים געזאגט - ער האט אים געשטראפט - בדברי מוסר. ס'איז דא אין חיי מוהר"ן, איך האב זיך געמוטשעט אויף דעם, 'בעל פה' האט איר נישט געהערט פון אים וועגן דעם ענין? דער רבי האט אויף אים מרמז געווען 'בנים'?) **יא יא, דער עיקר 'חליפות' זאגט דער רבי איז א 'זוהן', ער איז געווען 'חליפתו'.**

---

[ע] עי' אבני"ה ברזל, שו"ם מרביז"ל ה': פַּעַם-אַחַת קֹדֶם פֶּסַח הָיוּ מְסַיְּדִין בְּסִיד אֶת בֵּית רַבֵּנוּ זְצוּקַ"ל בִּבְרֶסְלֶב, וְהָיוּ מוֹצִיאִים אֶת כָּל כְּלֵי הַבַּיִת לַחוּץ כַּנָּהוּג, וְעַל הַכֵּלִים הַנִּשְׁאָרִים הָיוּ פּוֹרְשִׂים ווילָאוֹת שֶׁלֹּא יִתְלַכְלְכוּ, וּפֵרְשָׁה בַּת רַבֵּנוּ ז"ל מָרַת אָדְל עַל הַשָּׁעוֹן מִטְפַּחַת רֹאשׁ - קָאפִּין טִיכְל, כְּשֶׁבָּא רַבֵּנוּ זְצוּקַ"ל אֶל הַבַּיִת וְרָאָה זֹאת אָמַר לָהּ: "נִיט מִיט **אַזוֹי אַ זַאךְ פַאר שְׁפְּרֵייט מֶען, וָוארוּם עֶס אִיז הַיינְט פַארְהַאנְדְן אַזֶעלְכֶע פַארְמִישְׁטֶע מֹחוֹת וָואס דָאס אִיז זֵיי אוֹיךְ מְבַלְבֵּל".**

[עא] עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא תו' ז' אות ד': ... עִקַּר הַשְּׁלֵמוּת שֶׁל הַנְּשָׁמָה הִיא, שֶׁבְּעֵת שֶׁהִיא לְמַעְלָה תִּהְיֶה לְמַטָּה **גַּם־כֵּן, עַל־כֵּן צָרִיךְ שֶׁיַּשְׁאִיר אַחֲרָיו בְּרָכָה, בֵּן אוֹ תַּלְמִיד, כְּדֵי שֶׁיִּשָּׁאֵר דַּעְתּוֹ לְמַטָּה גַּם־כֵּן בְּעֵת שֶׁנִּסְתַּלֵּק לְמַעְלָה,** כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ ז"ל (בָּבָא־בַּתְרָא קט"ז): "אֲשֶׁר אֵין חֲלִיפוֹת לָמוֹ" - 'חַד אָמַר בֵּן, וְחַד אָמַר תַּלְמִיד' ... כִּי עִקָּר הוּא הַדַּעַת, **וּכְשֶׁנִּשְׁאָר הַדַּעַת אַחֲרָיו עַל־יְדֵי בֵּן אוֹ תַּלְמִיד, נֶחֱשָׁב כְּאִלּוּ הוּא מַמָּשׁ נִשְׁאָר קַיָּם בָּעוֹלָם ...**

ובחיי מוהר"ן אות מ"ו: וְהַתְחָלַת הַשִּׂיחָה הַנַּ"ל מֵעִנְיַן בֵּן וְתַלְמִיד ... וּמָצָא אוֹתָנוּ עוֹמְדִים לְפָנָיו הַיְנוּ אוֹתִי וַחֲבֵרִי וַחֲתָנוֹ רַבִּי יוֹסְקֶא ע"ה, **וְהִתְחִיל לְדַבֵּר עִם חֲתָנוֹ וְאָמַר לוֹ שָׁמַעְתִּי שֶׁלָּמַדְתָּ הַיּוֹם וְהִתְחִיל לְהוֹכִיחוֹ בְּאַהֲבָה שֶׁיַּחֲזִיק בְּלִמּוּדוֹ...**

ובביאור הליקוטים שם אות פ"ה: מה שכיוון במאמר הזה לגלות מעט מאתו לחתנו בפני עצמו ... יש לבאר, שזה מחמת שהיה חליפתו [כי לא היה לו בנים], וזאת היתה השתדלותו יותר, בעת שגילה השגתו הזאת [כמבואר מזה דרכיו הקדושים במקום אחר]...

(רנ"ב: אדלע'ס מאן איז געווען ר' יוסקא?) **יא, חאמעלניקער רב'ס א זון,** (רמ"ב: אה נאכן 'תולדות יעקב יוסף', ער האט געהייסן 'יעקב יוסף' טאקע?) **יא!**[עב] (רנ"ב: און מרים'ס מאן האט געהייסן ר' פנחס?) **יא, דער ערשטער מאן** - - -

(כאן יש חלק קטן משיעור בליקוטי מוהר"ן תו' י"ד סוף אות ט' - "וזה קינים תעשה לתיבה", עד סוף אות ט')

## על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס

מוה"ר **ארי' אשר רובין** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
**לרגל שמחת הולדת נכדו**
**למזל טוב**

מוה"ר **נתנאל פיש** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
לרגל שמחת תגלחת בנו
**כמר אברהם יעקב נ"י**
למזל טוב

מוה"ר **אברהם יצחק לייפער** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
**לרגל שמחת הולדת בתו**
**למזל טוב**

לעילוי נשמת מרת
**רוחמה שרה** ע"ה ב"ר
**יצחק** הי"ו
י"ב שבט תשע"ט
תנצב"ה

לעילוי נשמת
ר' **פנחס יעקב** ב"ר **אשר הלוי** ז"ל **בעק**
נלב"ע כ"ה תמוז תנצב"ה

לעילוי נשמת
ר' **דוב** ב"ר **יקותיאל יודא** ז"ל **פיש**
נלב"ע ט"ז מנ"א תנצב"ה

[עב] ר' יוסקא חתן רביז"ל היה בנו של הגה"ק ר' אברהם דב אויערבאך הרב דק"ק חמעלניק חתן הרה"ק בעל התולדות זצוק"ל